עלון תורני
הגליון מוקדש לע"נ אדמו"ר הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה **אבראמאוויטש** זצוקללה"ה זיע"א
פרשת פנחס תשפ"ה

# בנתיבות החיים

## פרקי חינוך והדרכה מיוסדים על פרשיות השבוע ומועדי השנה

## בענין: מדות טובות, ואהבת רעים בפרט בימי בין המצרים (ליל ש"ק תשע"ד)

**פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי: לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם:**

א] א פרשה פון מס"נ לקדושת שמו יתברך. א פרשה נפלאה. בשעת הקב"ה האט געזאגט צו מש"ר: "קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה' נגד השמש", האט זיך שבט שמעון פארזאמלט צו זייער נשיא, זמרי בן סלוא, און אים געזאגט, מיר זענען אפגע'פסק'נט למיתה און דו זיצסט אזוי רואיג און שווייגסט? און 24,000 אידן זענען געגאנגען צו כזבי (סנהדרין פב., ירושלמי י: מובא שם כל הענין) וכו' מיט ליצנות אויף מש"ר,און געפרעגט מש"ר מיט א גארשטארקע זולזל בן עמרם זו אסורה או מתרת? זאגן דו חז"ל (במד"ר כ, כד), "נתרשלו ידיו של משה" און עס איז פארגעסן געווארן פון אים די הלכה. אלע אידן האבן געוויינט און הקב"ה האט געזאגט, משה, פארוואס וויינסטו? וואו איז דיין חכמה? ביי מעשה קרח האסטו געזאגט א ווארט און עס זענען איינגעשלונגען געווארן קרח ועדתו, און יעצט וויינסטו? איז עס טאקע א פלא: משה רבינו, עמוד צלותהון דישראל, וואס ער האט אויסגעבעטן ביים חטא העגל "סלחתי כדבריך", און אזוי אויך ביי דער מעשה מרגלים, פארוואס דא האט מש"ר נישט געקענט מתפלל זיין פאר כלל ישראל, נאך אזויפיל שווערע חטאים אויף וועלכע ער האט אויסגעבעטן אז דער אויבערשטער זאל זיי מוחל זיין, ונתעלמה ממנו הלכה - היתכן?

ב] "וירא פינחס בן אלעזר וגו' ויקם מתוך העדה". וואס האט ער געזען? "אמר רב ראה מעשה ונזכר הלכה", מש"ר האט געזאגט "קרינא דאגרתא איהו להוי פרונקא" ("ווער עס לייענט דעם בריוו זאל אליין זיין דער שליח און טון די מעשה). פנחס האט זיך אויפגעשטעלט, געווען א מקנא ה' צבקות, און מקדש געווען שם שמים ברבים. אין מדרש (ספרי קלא; במדב"ר כ, כה; תנחומא ישן בלק ל.; ילקוט שמעוני בלק, רמז תשע"א ד"ה והנה איש, ירושלמי סנהדרין י:) שטייט אז בשעת מעשה זענען געשען צוועלף נסים פאר פנחס, און אחרי המעשה האט זיין שבט געוואלט אים שלאגן, איז געקומען א מלאך און געוואלט חלילה זיי פארלענדן, "ויעמד פנחס ויפלל", זאגן דו חז"ל עשה פלילות עם קונו, ממש זיך ארום געשלאגין, מציל צו זיין די פיר-און-צוואנציג טויזנט אידן, און הקב"ה האט מסכים געווען לתפלתו, און אין זיין זכות זענען זיי ניצול געווארן. לכאורה דארף מען פארשטיין: מיר האבן געלערנט אין פרשת קרח (יז, יב) אז בשעת די קטרת האט אפגעשטעלט די מגיפה, האבן די אידן זיך געפריידט אויף דער הצלה וואס עס האט זיי געברענגט, און זיי האבן געמאכט א שוויג און גארנישט געקומען מיט קיין טענות, אבער דא, בשעת פנחס האט גורם געווען אפצושטעלן דעם כעס פון הקב"ה און צוריקגעהאלטן די מגיפה דורך דעם וואס ער האט מקנא געווען "את קנאתי", וואס דאס האט מציל געווען, "ולא כליתי את בני ישראל", האבן די אידן זיך גארנישט געפריידט מיט דער הצלה, נאר פונקט פארקערט, זיי האבן זיך געבייזערט און גלייך מבזה געווען אזוי ווי רש"י ברענגט דעם חז"ל (סנהדרין פב.; סוטה מג): "לפי שהיו השבטים מבזים אותו הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לע"א והרג נשיא שבט מישראל לפיכך בא הכתוב ויחסו אחר אהרן". אזוי מבייש זיין און אויך זיי האבן געוואלט שלעכטס טון פאר פנחס, כאטש זיי האבן געזען בחוש דעם אמת וצדק אז זיין דו מעשה הקנאות האט שטיל געמאכט דעם חרון אף און עס האט צוגעברענגט א הצלה פאר כלל ישראל. דארף מען עס פארשטיין, פארוואס דארט האבן זיי זיך געפריידט, און דא פארקערט, זענען זיי געווארן אין כעס?

### זהירות מן הליצנות

**נאר אז מ'לערנט גוט אפ די פסוקים קומט ארויס א גאר-גרויסער מוסר-השכל:** ראשית כל, ווי שטארק עס איז דער כח פון ליצנות, און ווי גרויס עס איז דער שאדן דערפון, ווי דער **מהר"ל** ("נתיבות העולם", נתיב הליצנות פ"ב) ערקלערט דעם חומר הענין און שרייבט:

**...כי האדם נמשך ביותר אחר הליצנות ונפשו נהנה בליצנות כמו שאמרו שאני ליצנותא דמימשך אחריה, ולפיכך הליצנות נקרא גמר עבירה לגמרי יותר מהכל וגו' אמר ר"א (ע"ז יח: ע"ש) כל המתלוצץ יסורים באים עליו וגו'... כאשר האדם הוא נמשך אחר דברי לצנות שאין בהם ממש לכך באים עליו יסורים לכלותו עד שאין בו ממש ועושים אותו לגמרי כאלו אינו ע"י יסורים הבאים עליו. ורב קטינא הוסיף כי מזונותיו מתמעטים, כי המזונות שלו הוא חיותו ומציאותו וכאשר נמשך אחר דברי לצנות שאין בהם ממש ראוי שיהיו מזונותיו מתמעטין עד שאין לו מציאות, כי ענין הלצנות דברי הבאי הבל וריק מעשים שאין בהם ממש רק הכל תוהו לכך ראוי בשביל זה שיתמעטו מזונותיו, כי מי שמתמעט מזונותיו נחשב כאלו אינו. והוסיף ר"ל עוד לומר כל המתלוצץ נופל בגיהנם, וכל הדברים האלו טעם אחד להם כי ראוי לאיש ההולך אחר ליצנות אשר הלצנות דבר שאין בו ממש ומציאות כלל וראוי בשביל זה שיפול בגיהנם ביותר, שאין הגיהנם רק שהוסר מן המציאות ואין שם מציאות רק תוהו וחושך.**

זעט מען פון מהר"ל אז ליצנות איז בעצם לופט, וואס ביסודו האט עס אין זיך גארנישט, נאר בשעת מעשה מאכט עס א גארשטארקע שלעכטע רושם מיט א קרירות אויפ'ן מענטש און זיין סביבה, וואס דו לצינות צעשטערט יעדע מאס ערנסטקייט וואס איז געווען פריער, און דעריבער איז דער עונש דערויף אויך, מדה כנגד מדה, אז דער לץ ווערט חלילה אויס. די **פרשה לערנט אונז, אז ווען א יחיד אדער א ציבור פאלט דורך מיט אן עבירה, חלילה, זעט מען אז מש"ר האט געקענט מתפלל זיין און לערנען א לימוד זכות אויף כלל ישראל, אבער ווען עס איז פארבונדן מיט ליצנות, אפלאכן א הנהגה, א מנהיג, אפלאכן די תוה"ק, שטעלט עס אפ דעם כח התפלה אפילו פון מש"ר - "נתרשלו ידיו ונתעלמה הלכה" - וויבאלד דורך ליצנות שאין בו ממש, ווערט דער לץ נענש אז ער זאל פארלירן זיין אייגענע ממשות, און דערפאר קען נישט די תפלה פון מש"ר חל זיין אויף אים, וויבאלד ער ווערט אויס און האט נישט קיין עקזיסטענץ ה' ירחם.** עד"ז פארשטייט מען דעם מאמר חז"ל, "ליצנות אחת דוחה מאה תוכחות", און עס העלפט נישט דעמאלט קיין לימוד זכות. כת לצים זענען פון די וואס זענען נישט מקבל פני השכינה ה' ירחם.

## מדות טובות וישרות

שנית, לערנט אונז די פרשה, ווי וויכטיג מען דארף הארעווען און אויסאיידלען די מדות, נאר לאמיר ערשט מקדים זיין א געדאנק וואס מיר האבן געהערט (עש"ק פ' קרח תשע"ד, בעת שהיה לי זכיה לשבת אצלו מדי שבוע אחרי הדלק"נ לדבר איתו לצרכי הכלל והפרט), א גאר-שטארקן רעיון פון **מרן הראש הישיבה דמאנסי ז"ל** (בעל "תפארת משה"), וועגן דעם חשיבות פון א בעל מדות. דער **רמב"ן** שרייבט (פ' שלח עה"פ למטה ראובן): "מנה הכתוב השבטים לא לדגליהם ולא לצבאותם ולא כתולדותם וגו' והקדים הנכבד הקודם במעלה כי ממעלת עצמם מנאם לא למעלת השבט". איז שווער: פארוואס האט משה"ר נישט ממנה געווען שמעון בן גרא, דעם חשוב'סטן, אויך למסורת התורה? נאר ווייל איבערצוגעבן די תוה"ק, מסורת התורה, לדורות הבאים זוכט מען א בעל מדות, נישט קיין אדם חשוב, און יהושע איז געווען אן עניו, "כד חמא משה ענוותנותיה וגו'". אט דאס לערנט אונז די משנה: "**משה קבל תורה מסיני**", משה רבינו האט זיך אפגעלערנט אז נתינת התורה קען נאר חל זיין אויף א בעל מדות, "מסיני", ווייל הר סיני איז געווען דער קלענסטער בארג, און פון דארט האט ער פארשטאנען אז די מסורת התוה"ק ווערט נישט איבערגעגעבן דורך אן איש חשוב בחכמה, במנין, ובכבוד, נאר דורך א בעל מדות. דעריבער, "**מסרה ליהושע**", ווייל ער איז געווען דער עניו, דער שפל ברך, וואס פון אים קען מען ממשיך זיין די מסורת התורה.

## אנוכי"ת אנושי אינו נותן לו להכיר טובה

לענינינו: עס איז לייכטער פאר מענטש מסכים צו זיין צו ווערן געהאלפן דורך א דומם, כדוגמת מעשה הקטורת, ווי אײדער דורך א מענטש, כמעשה פנחס בן אהרן הכהן, ווייל א דומם שטייט אים נישט אין וועג, עס פאדערט נישט פון אים קיין צוריקצאלונג, עס נעמט אים גארנישט אוועק. דא איז אליין ווען מען איידלט נישט אויס די מדות. כאטש די אידן זענען געהאלפן געווארן דורך פנחס, און ער האט גורם געווען הצלה לכלל ישראל, וואלט דאך שכל הישר דיקטירט, גלייך יענעם צו באדאנקען מיט א גרויסן "יישר כח", זיך צוזאמענזעצן בשבת אחים מיט א מסיבת לעקעך און לחיים, מיט א פרייליכן טאנץ, און אפגעבן ברכות והודאות לה', וואס פנחס האט מיט זיין מעשה בלתי לה' לבדו שטיל געמאכט דעם חרון אף, די מדת הדין אויף זיי, אבער דאס התבוננות קען נאר זיין ביי א "בעל מדות". **אבער ווען א מענטש קען נישט ארויסגיין פון זיך, ער איז מלא נגיעות, ער האט א צרות עין, פארגעסט ער אליין וואס פאסירט ארום זיך. אנשטאט להכיר טובה לעושה חסד, קוקט ער גלייך אויף דער זייט ווי מ'קען יענעם אוועקמאכן, ווייל אויב ער איז שולדיג פאר יענעם א טובה, קומט אויס אז ער מוז יענעם אנערקענען. הייסט דאס, ער מוז פון זיך ארויסגיין, פון זיך אוועקגעבן, ער איז שולדיג פאר א צווייטן. דאס קען נאר טון א "בעל מדות".**

דאס איז א שטארקער לימוד פאר אונז. ווען די מדות זענען נישט אויסגעאיידלט ווערט דער שכל הישר פארקרימט, דעריבער איז דער בליק אין לעבן אן קיין קלארקייט. אדרבא, אנשטאט צו זען די טובות וואס זענען ארויסגעקומען, ווערן נתעורר ביים אים די שלעכטע מדות הקנאה, ושנאה, מיט אומפארגינערישקייט. מען ווערט א כפוי טובה און מען קומט מיט א טענה אויף דעם איש המעש והחסד, "ראיתם בן פוטי זה", און מען פארשעמט אים. **די תוה"ק איז נצחיות און לערנט אונז אז די גאנצע מענטשהייט איז מדות, וואס דאס ברענגט צו דער גרעסטער מאס שלימות פאר'ן מענטש.**

## שלימות האדם הוא מדות טובות וישרות

אויב דאס גאנצע שלימות האדם איז מדות, וואלט דאס לכאורה געדארפט זיין מכלל התרי"ג מצות, נאר **רבינו חיים ויטאל זצ"ל** (שערי קדושה א, ב) איז מסביר די סיבה וואס מדות איז נישט נכלל בתרי"ג מצוות שבתורה, ווייל מדות טובות זענען די עיקר הכנה לקיום המצוות, דעריבער איז דער ענין פון מדות רעות גאר הארב, נאך פיל הארבער פון די עבירות אליין. וויבאלד מדות איז דער עיקר און יסוד פון דער גאנצער תוה"ק, איז עס דעריבער נישט אריינגערעכנט אינעם מנין המצוות שבתורה. קומט אויס, אז א מענטש דארף זיך היטן פון מדות רעות מער ווי ער איז נזהר אינעם עצם קיום המצוות, עשה ולא תעשה, ווייל די תרי"ג מצות זענען כנגד קומה של אדם, רמ"ח מצות עשה כנגד רמ"ח אבריו של אדם, און שס"ה ל"ת זענען כנגד שס"ה גידיו של האדם. אבער א חסרון אין א מדה איז פוגע אין אלע אברים און גידים פונעם מענטש.

וואס איז טאקע דער הסבר אז מדות איז אזוי חשוב און וויכטיג, אז עס איז דער קיום פאר דער גאנצער תוה"ק? איז ער מסביר, לדוגמא: אויף כעס איז נישטא קיין איסור מפורש בתורה, אבער חז"ל (זוהר בראשית כז:) זאגן "כל הכועס כאלו עע"ז", און "ע"ז שקולה כנגד כל המצוות" (רמב"ם הל' דעות), און אזוי אויך גאוה, וואס חז"ל (סוטה ה.) זאגן אז ווער עס האט גבהות הרוח איז ער א כופר בעיקר; און פארקערט (ע"ז ב.), ענוה ושפלות ברענגט צו רוח הקודש און די שכינה רוט אויף אים, און אזוי אויך אן ארך אפיים, זאגן חז"ל (כלה רבתי סופ"ה): אליהו הנביא זכור לטוב זאגט אז די תורה ווערט נתגלה נאר פאר איינעם וואס איז נישט קיין קפדן. קומט אויס פון דעם אלעם, אז מדות טובות זענען דער בסיס וואס די תוה"ק שטייט דערויף, און מיט מדות טובות האט די תוה"ק א קיום, און מען קען מצליח זיין בתורה ויר"ש, וואס דאס איז די שיינקייט פון א איד; ווען ער איז אויסגעאיידלט במדות ישרות האט די תורה און מצוות אן אנדער צורה, א ליכטיגע און ריינע צורה, אשרי יולדתך. דער **גר"א** שרייבט (משלי ו, כז): "מדות נקראות בגדים". לויט דעם קען מען מרמז זיין אינעם מאמר חז"ל (שבת קיד.), "איזה ת"ח כל שיכול להפוך חלוקו ללבשו כדרכו" - א **ת"ח** הייסט ווען ער איז **מהפך** זיינע מדות רעות לטובות, איידלקייט, סבלנות, ווי מיר האבן געשמועסט אז מדות זענען מרמז אויף א בגד; ער ניצט עס אויס "**כדרכו**", אויפ'ן ריכטיגן וועג. דאס איז א ת"ח, אז מדות טובות ווערן ביי אים א טבע און דרך החיים.

## מי שיש לו מדות טובות יש לו השלות הנפש

די היינטיגע פרשה לערנט אונז א גאר-שטארקן לימוד, ווי ווייט א מענטש קען פארקריכן. "לפי שהיו השבטים מבזים אותו הראיתם בן פוטי זה" - וואס הערט מען פון דער טענה "בן פוטי זה" - אז מען האט אים נישט פארגינט אז ער האט זוכה געווען צו "בקנאו את קנאתי", און דורך פנחס האבן זיי זוכה געווען צו "ולא כליתי את בנ"י", אזוי ווי דער אוהה"ק זאגט דא: "כדי שיכירו מפעל טוב שעשה להם פנחס". אבער ווען דאס "**אנכיות**" איז נישט אויסגעאיידלט, א מענטש טראכט נאר פון זיך, ברענגט דאס צו אז אלע זיינע דבורים און מעשים זענען אליין נאר פאר זיך, און בכל מקום שהוא פונה זעט ער נאר זיך, און אויב עס גייט נישט בדרך שהוא רוצה, בייזערט ער זיך און ווערט צעווילדעוועט און שרייט און פארשעמט, "בן פוטי זה". דאס איז דער יסוד פון מדות רעות. **און אויב מדות רעות זענען מכשיל א מענטש, איז אזוי אויך פארקערט - מדה טובה מרובה, דאס חשיבות פון מדות טובות, וואס דאס שטעלט אוועק דעם מענטש און זיין בליק אין לעבן, און עס טרעט אים אויס א מהלך החיים פון שלות הנפש. ס'איז א כלי מחזיק ברכה, אז די תוה"ק קען נתקבל ווערן, און זיין עבודת ה' זאל זיך קענען האלטן.**

ווען א מענטש לעבט נאר פאר זיך, און אויך וואס ער טוט פאר יענעם מיינט ער נאר זיך, איז ראשית איז דאס **גאוה**, אז דער גאנצער מענטש איז זיך מחשיב און לעבט מיט זיין "אני" - אזוי שטייט אין "**מסילת ישרים**" (פי"א), אז דער גאנצער ענין פון גאוה איז אז א מענטש איז זיך מחשיב און ער מיינט נאר זיין לויב און רום; און אויך איז עס **קנאה** (עיין בשערי קדושה [א, ב] שכתב שקנאה תולדת התאוה), וואס דאס קומט פון דעם וואס א מענטש וויל אליץ פאר זיך, און ער פארגינט נישט א צווייטן, אז יענער האט אויך פארמאגט אביסל אנערקענונג. לדוגמא:

ווען עס ווערט אריינגעלייגט ערגעץ א ברכת מז"ט פאר איינעם וכדו', זעט מען ווי עס זענען דא מענטשן וואס לייענען צוערשט די טיטלען וואס מען שרייבט אויף יענעם, און זיי זענען מדמה די טיטלען פון זייער שכן, צי עס איז נישט מער ווי דאס וואס מען האט זיי אליין לעצטנס געגעבן, צי דער חבר האט חלילה באקומען עפעס א טיטל, א לשון מפואר, עפעס מער ווי זיי, ה' ישמור ויציל. דאס אלץ איז ווייל מען לעבט ארום זיך. און דאס ברענגט צו **שנאה**, מען באקומט א רוגזה אויפ'ן חבר, ווייל מען שפירט אז יענער האט אים גע'גזל'ט אביסל כבוד המדומה, אדער א מעשה הטוב וואס ער האט געטון; מען שפירט אז מען שטייט אים אין וועג, מען שטערט אים אין זיין ציל נאר זיך אליין צו זעטיגן, וואס דאס האלט אים צוריק פון טון חסד, ווייל א צווייטער נעמט אוועק זיין אנוכיות, ממילא ווערט ער אויס בעל חסד און ער פירט זיך אויף מיט מדות רעות. דאס איז אלץ ווייל ער לעבט אין זיך, ער קען נישט ארויסקוקן פון זיך, ער ניצט דעם מאמר חז"ל (סנהדרין לז.) "לפיכך נברא האדם יחידי... לפיכך כל או"א חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם", פאר זיך. אנשטאט צו זיין א משפיע איז ער נאר א מקבל, און וואס ער טוט מיינט ער דערמיט נאר זיך, אנשטאט אפצולערנען דעם חז"ל כפשוטו, ע"פ פירוש רש"י (שם), "כלומר חשוב אני כעולם מלא לא אטרוד א"ע מן העולם בעבירה אחת וימשוך ממנה", אז דאס חשיבות איז אז מען זאל זיך שפירן ווי א חשוב'ער מענטש, וואס ער דארף זיין א בעל אחריות, נישט צו זינדיגן און זיין א מאבד א"ע לדעת מיט די אלע שטותים און הבלים. דאס לערנט אונז די פרשה, אז א מענטש, ווי גרויס ער איז, אבער אויב ער אידלט נישט אויס זיינע מדות, זיינע נגיעות, פארקריכט ער גאר ווייט און פירט זיך אויף אזוי נידעריג, ה' ירחם.

## ימי בין המצרים לעורר אהבה ואחוה

**טייערע אידן, מבקשי ה'!** מיר האלטן יעצט ביי התחלת ימי בין המצרים, וואס בעוה"ר איז דאס ביהמ"ק חרוב געווארן בעון שנאת חנם. דאס אלץ קומט ווייל די קומה שלמה פונעם מענטש, וואס דאס איז די מדות טובות, איז קאליע געווארן. כאטש עס איז געווען תורה ומעש"ט, אבער וויבאלד עס איז נישט געווען קיין אהבת חברים, דער עיקר יסוד קיומו של האדם, האט גארנישט מגין געווען. דאס מענטשליכקייט שטעלט אוועק א מענטש צווישן חברים אין ישיבה, כולל, ביהמ"ד און אין שטוב. "מאי דסני עלך לחברך לא תעביד". אפילו א גוי פארשטייט דאס, און ווער רעדט נאך פון אונז, אידן, וואס מיר זענען א קומה שלימה - איז דא פאר אונז א ציווי פון "ואהבת לרעך כמוך". אויב א מענטש לעבט אין זיינע ד' אמות, ער קען פון זיך נישט ארויסקוקן, אז דער מענטש איז א צר עין, א בעל קנאה, כעס וגאוה, העלפט אים נישט דאס לערנען תורה.

**רבותי! אפשר איז שוין געקומען די צייט, געווען, מען זאל זיך אויסלערנען, יעדער אין זיין ווינקל, נישט קיין חילוק צו וועמען ער פארט, וואו ער באלאנגט, וכ"ש די וואס זענען מקושר לאילנא דחיי, די צדיקי הדור - צו רעדן נאר בשבחן של ישראל, אויפהערן מיט קנאה-שנאה. בפרט די כותבי העיתים, זאל יעדער פאר זיך שרייבן זיינע נייעס און הרבצת התורה. אדרבא, זה קלי ואנוהו, להרבות כבוד שמים, נישט קוקן יענעמע'ס חטאים, יענעמ'ס כשרות, יענעמ'ס חסרונות; אדרבא, אין דער צייט, קוק אריין אין דיינע חסרונות, אין דיינע ד' אמות של הלכה, מום שבך אל תאמר לחברך. מען מוז אפשטעלן דעם חרון אף. אין בית שאין בו... נעבעך, אזויפיל חולאים, אזויפיל יתומים, אזויפיל צער גידול בנים. אוי! פון איין זייט, א וועלט מיט אזויפיל גשמיות און הרחבת הדעת, ולעומת זאת, אזויפיל צער הגוף והנפש. מילא, צו רעדן קעגן אפיקורסים און שונאי הדת, אז מען זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט; אבער אויף אייגענע ברידער, ווייל יענער טראכט אנדערש ווי דו, ווייל ער שטעלט אוועק בס"ד דורות זרע ברך ה'? צו וואס דארף מען בארעדן, זיך קריגן? דער קען נישט גיין דא, יענער קען נישט קומען דארט, דער קען נישט מעורר זיין א ציבור מבקשי ה', ווייל זיין שכן וועט האבן חלישות הדעת, ה' ירחם. וועלכע ציור ווייזט מען להמון עם? מיט וואס זענען מיר מדריך הלב הצעירים? מיט דעם וועט מען שטיל מאכן דעם חרון אף? אפשר דארף יעדער זיך אויסלערנען מוותר צו זיין אויף זיינע ווייטאגן פאר כבוד שמים, און קענען זיצן און דן זיין צוזאמען לטובת הכלל. אט אזא הנהגה איז א ריכטיגער דרך התורה וואס איז תיקון הרחבן הביהמ"ק ע"י אהבת חנם.**

## בימי בין המצרים לעורר מדת אהבת חנם

לכן ווילן מיר בעזרת השי"ת אנפאנגען צו לערנען פאר תלמידים מבקשי ה' וואס זענען זיך מתחזק באור "בנתיבות החיים", א שיעור אין **ספר "כד הקמח"** (ערך שנאת חנם – מבעל רבינו בחיי), וואס דאס איז הדרכה ואורה אין די ימי בין המצרים. אידן ווילן זיין גוט, ווילן שוין זוכה זיין לבנין ביהמ"ק, נאר עול הגלות וקושי השעבוד פארטונקלט אונזער שכל הישר. ע"כ וועט מען לערנען אינעווייניג, וועט דאס דערלייכטן אונזערע אויגן, אונזער שכל, און עס אויסגלייכן בס"ד, און דאס וועט צוברענגען פאר יעדן פאר זיך און ארום זיך שלות הנפש, אז ער וועט קענען לייכטער פארגינען א צווייטן און לעבן מיט א צווייטן, און זוכה זיין צו "מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די".

זאגט דער "כד הקמח": עס שטייט אין דער תוה"ק, "**לא תשנא את אחיך בלבבך וגו'** (ויקרא יט)" - "**הכתוב הזה**", דער פסוק, "**יזהיר את האדם**", איז מזהיר דעם מענטש, "**על שנאת חנם**".

וואס איז דאס שנאת **"חנם"?** געוועגליך האט מען פיינט איינעם צוליב דעם וואס יענער האט אים ווייז געטון; אבער חנם הייסט אומזיסט. צו וואס זאל מען בחנם פיינט האבן א צווייטן? זאגט ער, "**וענין שנאת חנם הוא**", וואס מיינט שנאת חנם, "**שישנא אדם את חבירו חנם**", דאס מיינט, "**שלא בטענה**", אומזיסט, זיין חבר האט אים גארנישט שלעכטס געטון, נאר "**תחת אשר היה ראוי**", אנשטאט דעם וואס ער וואלט געדארפט "**לאהוב אותו**", אים ליב האבן, האט ער אים פיינט. אויב זיין חבר האט אים יא מצער געווען, איז דאס נישט "חנם". וואס איז דער דין דעמאלט, ווען איינער ווערט געטשעפט פון א צווייטן? דעמאלט נעמט די תוה"ק איבער דאס בעלות אויפ'ן רגש פון מענטש, און לערנט אים אויס: שטעל זיך אפ. "והוי דן את כל האדם לכף זכות (בפרק א' דאבות)". דאס איז א גאר-גרויסער כלל. אפשר האט ער עס געטון בשוגג, נישט בכוונה, אן דעת, ער האט גארנישט געמיינט מיר שלעכטס צו טון און ער איז בכלל נישט מיין שונא. ווען א מענטש איז דן יענעם לכף זכות, איז דאס אים מציל פון נקמה, און ער איז מקיים מ"ע "בצדק תשפוט עמיתך" (ויקרא י"ט), וואס דאס איז כולל צוויי כוונות, איינס פאר'ן דיין, ער זאל פסק'ענען משפט צדק, און איינס פאר יעדן מענטש, ער זאל דן זיין יעדן איד לכף זכות.

**החסיד ר' יוסף יעב"ץ** שרייבט נאך שטארקער, אויף דעם וואס עס שטייט אז יעדער מענטש "יהי' בעיניך כלסטים" - דאס איז קודם המעשה, "כבדהו וחשדהו", אז א מענטש איז בארעכטיגט אפצוהיטן זיינע רכושים, זיי זאלן נישט ניזק ווערן; אבער לאחר המעשה, אז עס פעלט שוין עפעס פון דיין רשות וכדו', "הוי דן את האדם לכף זכות". ע"כ. און די תוה"ק איז מזהיר, אז אפילו אויב עס איז קלאר ביי דיר אז יענער האט דיר באמת שלעכטס געטון בזדון, דעמאלט איז דא א ל"ת "לא תקום ולא תטור" (ויקרא י"ט), און נישט נאר וואס מען טאר נישט צוריק טון שלעכטס, נאר שטיין פון דער זייט און זיך פרייען מיט זיין מכשול טאר מען אויך נישט, ווי עס שטייט (משלי כ"ד): "בנפול אויבך אל תשמח ובהכשלו אל יגל לבך פן יראה ה' ורע בעיניו". און אויך דאס איז נישט גענוג, נאר די תורה איז מצווה אז א מענטש דארף אוועקלייגן די שנאה פון הארץ, דעם אייגענעם ווייטאג, כאלו יענער האט דיר קיינמאל נישט שלעכטס געטון. אזוי דרש'ענען חז"ל (בפרק יש בערכין): "תנו רבנן לא תשנא את אחיך (ויקרא י"ט) יכול לא יסטרנו ולא יכנו ולא יקללנו תלמוד לומר בלבבך בשנאה שבלב הכתוב מדבר". ווען א מענטש האט א צער דורך א צווייטן, דעמאלט פאנגען זיך אן אלע מצוות עשה ול"ת שבתורה וואס די תוה"ק איז מצווה דעם מענטש. יא, כאטש דער מענטש איז

פארוויטאגט, איז אבער די תורה משעבד דעם מענטש, אז ער דארף אוועקלייגן זיך, זיינע הרגשים, און זיך פירן ע"פ דת תוה"ק, **און דאס איז נישט פאר בעלי מדריגות עובדי ה', אדער א מדת חסידות; ניין, עס איז א חלק פון דער תוה"ק, נישט וויינינער ווי אלע אנדערע מצוות עשה ול"ת, און צו דעם דארף יעדער איינער הארעווען אויף זיך, בלימוד ספרי מוסר, כדי ער זאל זוכה זיין צו זיין אן אמת'ער שומר תורה ומצוות.**

אבער לענינינו: שנאת חנם מיינט פיינט האבן אויף גארנישט. פשוט, ער האט נישט ליב יענעמ'ס צלם אלקים, אדער ער פארגינט נישט יענעמ'ס הצלחה, דאס הייסט חנם. שמועסט ער אויס יעצט דעם יסוד פון אהבה פון איינעם צום צווייטן, וואס דאס איז דער יסוד פון אהבת רעים: "**והנה האהבה על שני חלקים**", אהבה האט צוויי חלקים, וואס מענטשן האבן אן אהבה איינער צום צווייטן, "**האחד מצד הטבע כאהבת האחים והאב לבנו והאיש לאשתו**", וואס דאס איז א נאטירליכע אהבה וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט בין קרובי המשפחה, "**והשני מצד החברה כשני אנשים נכרים שאין קורבה ביניהם כלל ומצד שהם רגילים לישב ביחד תמיד כל היום יש להם לב אחד ורצון אחד בכל הדברים**", און דער צווייטער מין אהבה איז וואס כאטש מצד קירבת המשפחה זיי זענען צווישן זיך פרעמד, זיי קומען פון צוויי אנדערע שטיבער, אבער מצד דעם וואס זיי זענען רגיל זיך צו האלטן צוזאמען אין איין ישיבה, איין ביהמ"ד, איין כולל, איין קהלה נאה וחסודה, דאס ברענגט צוזאמען די לבבות און ברענגט ארויס איין רצון, ליב צו האבן איינער דעם צווייטן; יעדער באקומט א נאענטע געפיל צוצוהעלפן זיין חבר, און זיי אלע ווערן אחים לדעה לרומם בית אלקינו. "**כי תתעורר אהבה ביניהם**", די אהבה איז "**מצד החברה**", זיי האלטן זיך צוזאמען. "**ועל שני חלקים אלו**", צוליב דיביידע סארטן אהבה, הן מצד המשפחה והן מצד החברה, "**נקראו ישראל אחים**", מצד המשפחה, "**ורעים**" מצד החברה. עפ"ז קען מען מפרש זיין בדרך מליצה: "**אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק**" (ישעי' מא, פו). לכאורה וואלט געדארפט זיין פונקט פארקערט; אייגענע ברידער "יעזרו", און פאר א גוטן פריינט "יאמר חזק"? נאר על פי דרכנו קען זיין, אז עס מאכט זיך אמאל וואס צוויי ברידער זענען צוזאמען נתגדל געווארן, יעדער קען דעם אנדערנ'ס חסרונות גאר גוט, עס איז זיך שווער זיך דורכצוקומען, און עס איז שווער צו פארשלינגען דעם אייגענעם צער - זאגט דער פסוק, עכ"פ "ולאחיו יאמר חזק" - סוף-כל-סוף, אנשים אחים אנחנו, אב אחד לכלנו, דו גיי דיין וועג לחיים ולשלום, און איך וועל גיין מיין וועג לחיים ארוכים ולשלום; צו וואס דארף מען זיך קריגן? לכה"פ "**יאמר חזק**", לאמיר זיך נישט קריגן און נישט העלפן, נאר זיך האלטן צוזאמען, זיך מיטפרייען יעדער ביי יענעמ'ס שמחות, פרייען איינעם מיט'ן צווייטן; אבער גוטע חברים, "אחים לדעה" אין איין כתה, חברה, ביהמ"ד, שטיבל, וכדו', דארט איז נישט גענוג "חזק", זיך מיטפרייען מיט יענעם, נאר "**יעזרו**", איינער זאל צוהעלפן דעם צווייטן בלב ונפש חפצה. "**להורות**", די תוה"ק לערנט אונז, "**שראוי להם שתהיה אהבתם**", אז אידן דארפן זיך ליב האבן "**זה לזה**", איינער דעם צווייטן, "**אהבת האחים מצד הטבע**", קל אחד בראנו ואב אחד לכלנו, גאנץ כלל ישראל זענען אחים, און אויף דעם גייט ארויף דער ציווי "ולאחיו יאמר חזק", יעדער איד דארף זען צו העלפן, גומל חסד זיין פאר א צווייטן איד. דאס איז בכלליות; "**ואהבת הרעים מצד החברה**", אבער בפרטות, מצד החברה, יעדע קהלה, שטיבל, ישיבה, כולל, וואס דארט האבן זיך מאחד געווען אידן "אחים לדעה" מיט אהבת רעים, "איש את רעהו יעזרו", בגוף ובנפש. "**וזהו שכתוב** (תהלים קכב) **למען אחי ורעי**", סיי אידן בכלליות זענען אחים, סיי בפרטות, מיר האלטן זיך צוזאמען, רעים האהובים, זאגט דער פסוק, "אדברה שלום בך", דארף מען זיך אויסלערנען רעדן א שלומ'דיגע שפראך. א מענטש זאל זיך נישט פטר'ן, אז ער קען נישט ליב האבן א צווייטן, ווייל עס איז א דבר המסור ללב, "על טעם וריח אין להתוכח - ניין, דאס איז א שפריכווארט וואס איז נוגע אויף עסן, א זאך וואס ווענדט זיך אינעם געשמאק פון דער צונג; אבער א איד דארף זיין מיט'ן הארץ משועבד לה' ולתורתו, ווייל "**ואין לך אומה**", עס איז נישטא קיין פאלק ווי עם ישראל, וואס די תוה"ק איז אונז מצווה "ואהבת את ה' אלוקיך בכל לבבך וגו'", און די אהבה דארף אויך זיין "לרעך", ווייל "רעיך ורעי אביך אל תעזוב", א איד איז א צלם אלקים בדמות תבניתו, דעריבער "**ראויה שתהיה האהבה תקועה בהם**", צווישן אידישע קינדער, און "**ומדת השנאה מרוחקת מהם**". מיט וועלכן כח? "**כישראל**", ווייל מיר זענען דער עם הנבחר.

איז ער מסביר: וואס איז דאס "ישראל", א איד? "**שהרי אלקי[ם] שלנו קל אחד**", ווייל עס שטייט אין פסוק (מלאכי א): "**הלא אב אחד לכלנו הלא קל אחד בראנו**", השי"ת איז אחד יחיד ומיוחד פאר יעדן איד. ווען מען זאגט "אבינו אב הרחמן", זענען מיר אלע מכוון לאב אחד לכלנו, הבורא ב"ה, און אויך "**ואנחנו**", מיר זענען "**עם אחד**", איין פאלק ישראל, ווי עס שטייט (שמואל ב ז), "**ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ**". מיר האבן איין באשעפער, וואס דער באשעפער האט איין פאלק וואס דינט אים ע"י התוה"ק, "**ויש לנו תורה אחת ומשפט אחד**", וואס כלל ישראל האט איין תורה הק'. בכל מקומות שהם, בכל הגליות האט זיך כלל ישראל מוסר נפש געווען לה' ולתורתו. "**ועל כן**", צוליב אט-דעם יחוד אורייתא וישראל והקב"ה חד, "**היה ראוי לנו שנהיה לב אחד ורצון אחד**".

נאך אט-דער הקדמה פונעם חיבור פון כלל ישראל מכח ה' ותורתו, וואס דאס איז מחייב אידן זיך ליב צו האבן, זאגט ער פאר די מענטשן וואס האבן **שנאת חנם**, אז זיי זאלן וויסן אז עס איז "**חולי קשה**", וואס דאס איז א "**ראש**" - אזוי ווי דער קאפ איז דער שליט אויפ'ן גאנצן גוף, אזוי אויך שנאת חנם איז דער שליט "**לכל עבירות שבתורה**", וואס שנאת חנם איז גורם אז "**תביא את האדם השונא את חבירו שידבר עליו כזבים**", אים בארעדן, רודפ'ן מיט פאלשע ווערטער. און חוץ דעם וואס ער איז מזיק יענעם, איז ער גורם רע לעצמו, ווייל "**הוא מן הכתות שאינן מקבלות פני שכינה** וגו'", ווייל "**מתוך השנאה**" וואס ער האט פיינט זיין חבר, "**ידאג על הצלחת חברו**", וועט ער נישט פארגינען זיין חבר'ס הצלחה, און דאס וועט צוברענגען, "**ויעלוז ברעתו**", אז ער וועט זיך חלילה פרייען מיט זיינע דורכפעלער. דעריבער דארף א מענטש זיך אויסהיילן פון דער שלעכטע מדה פון שנאת חנם, שבעון זה נחרב ביהמ"ק. **און יעצט איז דער זמן גרמא, זיך מחזק צו זיין, בפרט יעדער איינער וואס וויל זיך האלטן צוזאמען באור "בנתיבות החיים", אפצולאזן אלע חשבונות און זיך האלטן צוזאמען כאיש אחד בלב אחד.**

טייטשן מיר בס"ד: "**פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן**", ווען א איד איז זיך מוסר נפש לה' ולתורתו, ער רייסט אוועק פון זיך דאס אנכיות, ער איז זיך משעבד כולו לאורייתא, ער גייט בדרך אהרן כהנא קדישא, אוהב שלום ורודף שלום, ער איז מקדש שם שמים דורך זיינע מעשים טובים - איז ער דערמיט מעורר רחמים. "**הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**", אויף אידישע קינדער. "**בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם**" - דאס איז אלץ בתנאי אז עס איז "בתוכם", צווישן אידן, מען האלט זיך צוזאמען, מען מאכט נישט חלילה קיין פירוד לבבות, דעמאלט "**וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי**", וועט נישט ארויסקומען קיין חרון אף, חלילה. "**לָכֵן אֱמֹר**", זאג אן די אידישע קינדער, בפרט אין די זמנים - פ' פנחס פאלט אלעמאל אוים בימי בין המצרים - "**הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם**", יעצט איז די צייט להרבות שלום ואחוה, ובזכות זה נזכה לנחמת ציון וירושלים בב"א.

## א גוט שבת

# בנתיבות החיים

# נתיב שו"ת בדרכי חיים (ח"ב)

**ח] שאלה:** *עס קומען באלד די ימי בין המצרים וואלט איך געוואלט פרעגן וויאזוי איז מען מחנך די קינדער אז זיי זאלן כאטש עטוואס שפירן באמת דער חורבן ביהמ"ק?*

*א.ס. שיכון סקווירא*

**תשובה:** דער אמת איז, איך וואלט ערשט געפרעגט די שאלה אביסל אנדערש 'וויאזוי איז מען מחנך די קינדער צום ידיעה פון קדושת ביהמ"ק, כדי זיי זאלן דערפון משיג זיין דעם חורבן ביהמ"ק, דעם העדר?', ווייל דער אמת איז, אז באטשיג אז פון איין זייט מאכט מען אלע זאכן וואס זענען זכר לחורבן כנפסק ברמב"ם (הל' תעניות פרק ה' הל' יב-טו) ובשו"ע (או"ח סי' תק"ס) 'ומניח בו אמה על אמה כנגד הפתח בלא סיד כדי לזכור החורבן, ותחת החופה שובר החתן כלי זכוכית, ואסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה אפילו בשמחה של מצוה, שנאמר אז ימלא שחוק פינו וכו'". וואס דאס זענען געמאכט כדי מיר זאלן נישט פארגעסן דער ביהמ"ק א גאנץ יאר, און זיך דערמאנען כסדר אז שכינתא בגלותא, דאך ווען עס קומען די דריי וואכן פרעגט זיך, פארוואס טאקע דערהערט מען נאך אלץ נישט דעם חורבן ביהמ"ק?

**נאר עס קען זיין אז די סיבה איז אזוי:** אז מען טראכט גוט אריין דארפען מיר זיך מתבונן זיין מיט וואס זענען מיר ארומגענומען און וויאזוי לעבט מען אפ די יארן, יעדער דארף זיך אליינס פרעגן, וויפיל זענען מיר באמת משתוקק צום בנין ביהמ"ק, וויפיל מאהל א יאר רעדט מען פון דאס שיינקייט און די התגלות השכינה וואס איז געווען בזמן הביהמ"ק, האט מען כאטש איינמאל געלאזט א טרער ביים בענטשן ביי 'ובנה ירושלים', אדער ביים דאווענען 'ותחזינה עינינו' וכדו'?, דאס זענען זאכן וואס מיר דארפן זיך אליינס פרעגן, חינוך פאנגט זיך אן מיט אונז, צי האט מען מקדיש געווען צייט דורכ'ן יאר אדער לכה"פ אין בין המצרים צו לערנען מיט אונזערע תלמידים משניות מס' מדות, אדער רמב"ם הל' בית הבחירה, צו האבן אן השגה וואס איז פארגעקומען אין ביהמ"ק, די געוואלדיגע כבוד שמים וואס האט געהערשט אויף טריט און שריט? צי ווייסן מיר אליין וואס דאס ביהמ"ק איז בכלל געווען, און וואס עס איז פארגעקומען דארט?

**מיר ווילן פון אונזערע קינדער\תלמידים זאכן וואס מיר אליינס האבן נישט קיין באגריף, ע"כ חינוך פאנגט זיך אן מיט אונז אליין.**

און אויך - כדי יא צו קענען משיג זיין אפס קצהו פון קדושת ביהמ"ק - האט השי"ת אונז געגעבן דער געלעגנהייט אז מיר זענען בימינו ארום גענומען מיט פארשידענע קדושות כדוגמת ביהמ"ק; א ביהמ"ד הייסט א בית מקדש מעט, אויך א אידישע שטוב הייסט א מקום המקדש, א אידיש מויל איז א כלי שרת (כמבואר באוהחה"ק פר' פנחס), ע"כ דארף מען זיך מקדש זיין אין אונזערע מקומות כדוגמת הביהמ"ק, און אז מען וועט עס כסדר איינפלאנצען ביי אונז, וועט זיך עס ממילא איבערגיסן צו אונזערע קינדער און תלמידים, און אויב מען פירט זיך נישט אויף כדבעי אינדערהיים אדער אין ביהמ"ד, ווערט דעמאלטס גלייך א חורבן ביהמ"ק, דער יסוד פון חינוך פאנגט זיך נישט אן מיט אונזערע קינדער, נאר מיט אונז אליין, מיר עלטערן און מחנכים דארפן זיך קודם מחנך זיין, צו זיין א דוגמא אישית, וואס דאס וועט אפשפיגלען אי"ה צו אונזערע קינדער און תלמידים.

דהיינו, אז מיר וועלן נזהר זיין צו פארהייליגן יעדער דבר שבקדושה, הן אין ביהמ"ד צו רעדן איידל און כסדר געדענקן צו פארשפארן לכה"פ דער רינגער פונעם טעלעפאן, און נישט רעדן אין שול אויפ'ן טעלעפאן, נישט ווייניגער ווי די זהירות דעריך ווען מען גייט אין א בית המשפט, און אזוי אויך א אידישע שטוב זאל זיין מיט אן איידלקייט מיט א ריינקייט, דערווייטערט מן הכיעור והדומה לה, ע"פ תקנת כל גדולי ישראל, און אזוי אויך ביי אלע הנהגות, ווי למשל ווען מען שמועסט אמאל חברים צוזאמען אדער אינדערהיים, און איינער מאכט א ווערטל איז דא א הלכה מען טאר נישט לאכן אויפ'ן קול, ווען מען פירט זיך אויף כדבעי, **ברענגט דאס אלס אריין אין אונז און ארום אונז קדושה, און מען דערמאנט זיך כסדר דאס איז אלס מעין דמעין פון דער אמת'ער ועשו לי מקדש;** ווען אונז שטעלן זיך אוועק מיט א לעבן פון קדושה, וועלן אונזערע קינדער און תלמידים לעבן א גאנץ יאר מיט א לעבן פון בנין ביהמ"ק, וויסן און פילן וואספארא תענוג עס איז קרבת אלקים, אבער חלילה אויב מען פירט זיך נישט אויף כדבעי איז דער חורבן ביהמ"ק כסדר טאג-טעגליך און ליידער איז נישט דא די שכינה הק' מיט אונז, און די ביטערניש וואס מען האט אז מען פאלט דורך און מען ווערט ח"ו דערווייטערט פונעם תענוג רוחני און דביקות בהשי"ת, איז עס א חורבן דורכאויס דעם גאנצן יאר.ווי איינע פון די צדיקים האט געזאגט, ווען איינער האט אים געפרעגט איבער די הלכה (שו"ע או"ח סי' א' סעי' ג') ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש, וואס דארף טוהן איינער וואס איז נישט קיין ירא שמים? האט דער צדיק געענטפערט: דאן זאל ער קלאגן אויף זיין אייגענעם 'חורבן'. און דאס ליגט אויך אינעם מאמר חז"ל כל מי שלא נבנה ביהמ"ק בימיו, ער פראבירט נישט צו לעבן מיט די הרגשה פון קדושה, איז כאילו נחרב בימיו, ווייל יעדן טאג איז א פרישע חורבן.

**למעשה:** אז מען לערנט חז"ל איבער ענייני ביהמ"ק דאס ברענגט אריין א אמת'ע התעוררות און תשוקה צום בנין ביהמ"ק, און ווען עס איז דא א תשוקה דערהערט מען דעם העדר החורבן, און מען קען מקיים זיין דעם ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש. אזוי אויך אז מען איז מקדש די בית מקדש מעט, מען איז זיך מקדש די מעשים אין די מקומות המקודשים, מען רייניגט די שטיבער און אונזער שפראך ווי ערקלערט; און מען דערמאנט זיך כסדר אז דאס איז אלס מעין דמעין פון דער אמת'ער ועשו לי מקדש, וועט דאס מעורר זיין אונזער התעוררות צום צער החורבן, און אונזער תשוקה צום בנין ביהמ"ק בב"א.

***

**ט] שאלה:** *איך האב געזעהן פריערדיגער גליון 'שו"ת בדרכי החיים', וואס האט מיר ממש געטוישט מיין בליק אין לעבן, עס איז געווען כל המציל נפש מישראל כאלו מקיים עולם מלא, א יישר כח וחילך לאורייתא. וואלט איך געוואלט פרעגן ממעכ"ת א זאך וואס דער קוועטשט מיר גאר שטארק, אע"פ מיר זענען עבדי ה', אבער השי"ת האט אריינגעלייגט אין אונז כח ההרגש, ע"כ פאדערט זיך פון אונז עבודות נישט נאר מתוך הכרה, אויך מתוך הרגש כנא' ולעבדו בכל לבבכם, ע"כ וואלט איך געוואלט פרעגן חטאי אני מזכיר אז בשעת איך דאווען אדער איך לערן שפיר איך נישט אז איך ווער מחובר, וויאזוי קען איך מעורר זיין די הרגשים עס זאל קענען זיין לעבדו בכל לבבכם?*

*ד.מ.ש. לונדון*

**תשובה:** דאס שאלה איז אן הייקעלע נקודה, ווייל אויב א מענטש דיענט השי"ת כדי ער זאל נתרגש ווערן, יתכן עס הייסט נישט קיין עבודות ה' נאר עבודות עצמו, וואס דאס ווערט אנגערופן עבודות שלא לשמה, אבער עס איז פארשטענדליך אז עבודת השלא לשמה איז אויך עבודות ה', אבער אויב איר זאגט אז איר דינט השי"ת כעבד נאמן ממש אן קיין הרגשים הייסט עס איר זענט שוין אנגעקומען צו די מדריגה פון לשמה - נא! אויב אזוי צו וואס ווילט איר אראפגיין צו שלא לשמה.

אבער פון אייער שאלה דערהער איך גאר עפעס אנדערש, אז איר שפירט אז אייער עבודות ה' איז מצות אנשים מלומדה, כלשון נערים 'איך האב נישט קיין נערוון', דאס אלעס קומט ווייל מיר לערנען נישט קיין ספרי מוסר וואס דארט שטייט מיט א קלארקייט מה חובתו של אדם בעולמו, און כיודע דער כלל טעמו כי טוב הו"ה אז ביי אידישקייט קומט דער אפעטיט מיטן סעודה, בבחי' טועמי'ה חיים זכו, דער

ענין פון התרגשות בעבודות ה', איז נישט קיין מטרה אז מיר דארפן אנקומען צו הרגש, נאר עס איז סך הכל א פועל יוצא.

לאמיר דאס אויסשמועסן און מסביר זיין בס"ד מיט א משל, שטעל זיך פאר אז דו שטייסט אויף פארטאגס צום לערנען משכימי קום, און דו שמעקסט א גערוך פון געז ביי א שכן, דו וועקסט אויף דעם גאנצן בנין, עס איז דאך פקוח נפש, און גלייך נאך אלע שכנים זענען ארויסגעקומען פון הויז האט זיך דער הויז צופלאקערט ה"י, און דער שכן גיבט דיר א מתן שכרה בצדה, טויזנט דאלער. - וואס איז דיין אמת'דיגע שמחה, די טויזנט דאלער, אדער געראטעוועט שכנים קטנים וגדולים ממ.. לחיים? אודאי, איז דער הרגש פונעם שמחה אויפ'ן הצלה צענדליגע מאהל מער פון דעם פרס.

לענינינו, דער רבונו של עולם האט אונז בוחר געווען לעמו, און ער וויל אז מיר זאלן משפיע זיין נחת רוח ליוצרינו, אזוי שטייט אין **מסילת ישרים** (פרק א') אז **יסוד החסידות איז להתענג על ה'**, קען מסביר זיין ע"פ וואס עס שטייט און **ספר הישר לר"ת** (שער שני) א לשון **כי חסיד חושב כל יגיעה וטורח תענוג והנאה בעבודת הקל יתברך**, כי אברהם אבינו ע"ה היה מעונה בדרכים ומנוסה בכמה נסיונות ולא קץ בהם **וקיבל הכל בסבר פנים יפות** ווייל ער האט געוויסט אלע שווערעקייטן קומען פון השי"ת, אז מען איז מדייק בדבריו הק' 'חושב כל יגיעה וגו" הייסט אז דער עבודת החסיד דארף זיין במחשבה, ווייל מעשה המצוה איז יעדער מחיוב גלייך, נאר דער חסיד לייגט צו מחשבתו לפני מי אתה עמל,כלשון הבעל התניא זצוק"ל טראכט גיט וועט זיין גיט, אע"פ מען גייט אדורך א תקופא פון א ההסתר פנים, איז נישט דא קיין אנדערע עצה נאר צו טראכטן דער געוואלידיגע תענוג ונחת רוח ליוצרו, און חלילה נישט ממאס זיין נאר בסבלנות שיקבל הכל בסבר פנים יפות עד שיעבור אי"ה הזעם, וואס דאס איז דער ריכטיגע שלמות העבודה בעבודות ה' - לצורך גבוה, צו טאן רצון ה' שלא ע"מ לקבל פרס, אפילו פרס פון התרגשות, און דער מענטש וואס וויל ווערן נאנט צו השי"ת דארף זיין גרייט אדורכצוגיין דער נסיון פון הסתר אזוי ווי עס שטייט דארט (שער הששי) אז עס איז דא ביי יעדער מענטש ימי אהבה וימי השנאה - ד.מ. אט דו טעג וואס מיר שפירען אויסגעלאשען, אן קיין מאא"ד כלשון המדינה, בלשון תוה"ק הייסט דאס נסיונות, זאגט ער א לשון ...אם תחלש האהבה ותכבד השנאה, אל נואש מן העבודה, רק יודע כל לקץ ימים תחלוף ע"ש, וואס דאס איז אונזער לעבן אז מיר זענען ארומגענומען מיט זיי בכל עת ובכל שעה.

ע"כ דארף מען קובע א שיעור בספרי מוסר, אע"פ מיר הארעווען אין תורה און שמעתתא אליבא דהילכתא, און די תוה"ק איז מחכימת פתי, אבער אז מען לערנט נישט יעדן טאג ספרי מוסר וחסידות האט מען נישט די קלארקייט מיט דער כח הלוחם זיך צו פארמעסטן מיט די מלחמת היצה"ר. יודע צדיק נפש בהמתו (משלי יב, י), יעדער ווייסט גוט ביי זיך, אז כאטשיג מיר הערן דרשות און שיעורי מוסר דעקט דאס נאכאלץ נישט דעם אייגענעם יצה"ר, ווייל 'זיך' קען דער מענטש אליין דאס בעסטע, ע"כ ווען מיר לערנען אינווייניג אין די ספה"ק און עס שנייט אריין דער אור החז"ל דאס וואשט אויס די אלע נטיות ומדות רעות, און ווי מער א מענטש זיכט נישט צו אנטלויפן פון זיך אליינס, פון זיין נסיונות, נאר צו טרעפן וואס ער דארף מתקן זיין און וויאזוי, דאס ברענגט צו אז דער מענטש קען אנקומען צו מער שלימות בעבודות ה'.

בפרט בזמנינו, וואס דער גאס איז אזוי מיאוס, אזוי פארדארבן, איז דער עיקר נסיון התחזקות באמונה פשוטה, זיך מחשיב זיין און דערהערן אונזער זכיה אז אשר בחר בנו מכל העמים, דערהערן אז מיר זענען די אמת'ע בני חורין; ממילא ווי מער מען איז עוסק בתיקון מלכות שדי, ער באפעסטיגט זיין אמונה בה' אחד, זיין אהבת ה', זיין קלארקייט אז משה אמת ותורתו אמת, ווען ער דערהערט זיין חובתו בעולמו, דאס ברענגט אים צו א התעוררות און השתוקקות לעשות רצונך בלבב שלם. די מטרה בעבודות ה' איז אשר קדשנו במצותיו וצונו - אז מיר זענען מצווה ועומד ממלך מלכי המלכים הקב"ה.

און עבודות ה' וועגד זיך נישט אין אונזער שכל אדער הרגשים, אדרבה עס קען זיך מאכן זמנים פון צער ר"ל, א ביקור חולים, אן הלוית המת אדער ניחום אבלים ה"י, אבער אויב א איד לעבט מיט השי"ת אויך ווען ער איז בצער חלילה מיט א רגש של כאב, און ער ווארפט זיך אריין להתענג על ה' - מיט א גם זו לטובה מיט א הכרה פון כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, איז ער בו בזמן אויך מקושר אין עולם הנצחי און דבוק צו מיט השי"ת, אבער דאס קען מען נאר טוהן ווען אונזער מחשבה איז כסדר מדי יום ביומו פיל מיט א לעבן פון אמונה פשוטה. בראש ובראשונה דארפן מיר זיך קודם אנגארטלען מיט א לעבן פון אמונה בכל רמ"ח אברים ושס"ה גידים, מיר דארפן אפלעבן א לעבן פון א כסדר'דיגע אמונה, נאר דעמאלטס וועלן אונזער קינדער קענען ממשיך זיין און נתחנך ווערן מיט דער כח הציור פון א לעבן מיט אמונה.

פרעגט זיך אבער די שאלה וויאזוי איז מען זיך מחנך צו אמונה פשוטה? וואס די שאלה הערט מען כסדר פרעגן, וויאזוי איז מען מחנך ומשריש אין זיך די גאר גרויסע מתנה און שלות הנפש וואס דאס הייסט אמונה ובטחון?

עס ווערט געברענגט, אז אמאל איז הגאון החזון **איש** זצ"ל אריינגעקומען אין ביהמ"ד און געזען ווי יונגעלייט זיצן ארום האט ער געגעבן א קלאפ אויפן טיש און מיט א שטארקע קול געגבן אזאג צו זיי: 'פון וואו מיינט מען וועט ווערן אריינגעפלאנצט אין אונז אמונה, אויב מען לעבט נישט מיט די השגחה עליונה מיט אן התבוננות, נאר כמצות אנשים מלומדה, פון ארויס שרייען בשעת תפילת נעילה "ה' הוא האלקים", דאס וועט אונז נאכנישט צו ברענגען צום הכרה שה' הוא אלוקים, דאס דארף מען זיך אליינס כסדר מתבונן זיין, ווייל אויב מען וועט נישט כסדר לעבן מיט השחה פרטית, מיט שם שמים שגור בפינו, פון וואו וועלן מיר האבן אמונה אין אונזערע הערצער???".

עס איז גאר א שטארקע דערהער, מזקנים אתבונן וויאזוי א פשוט'ער איד, מחוטב עיצך עד שואב מימך, האט אמאל געלעבט מיט א פשטות, און שם שמים שגור בפיהם, סיי דער טאטע און סיי דער מאמע האבן דערמאנט דעם אויבערשטן בלי גוזמא הונדערטע מאל א טאג **אם ירצה ה'** אדער **בעזרת ה', בס"ד**, דאס איז געווען א נאטורליכע שפראך, דאס איז געווען דער לופט אין שטוב און אין ביהמ"ד, א לעבן פון אמונה, דער לופט איז געווען אנגעפילט מיט א שפראך פון אמונה.

**אונזערע קינדער לערנען זיך אפ סיי אין די מוסד סיי און אינדערהיים, און אונזערע קינדער זענען די בעסטע מבינים אויף אונז, זיי קוקן גוט צו וויאזוי אונזער לעבן קוקט אויס, וואס איז באמת וויכטיג, וואס מען לייגט אריין הארץ און מוח, אויף וואס מען רעגט זיך אויף, און אויב אין מוסד הערט מען איין שפראך און אינדערהיים זעט מען א צווייטע שפראך ווערן זיי פיל מאל שרעקליך צעמישט און זיי לעבן מיט א מילתא דתמי: 'איז אידישקייט בלויז אן איצטלא דרבנן זייענדיג במסגרת המוסדות, אדער א מציאות אין לעבן?'.**

**אבער בדרך כלל, זענען די עלטערן די מחנכים וואס קינדער קוקען פיל מער ארויף אויף זייער אויפפירונגען, אויב אזוי לאמיר זיך אליינס פרעגן וויאזוי זעהט אויס א מודה אני, א ברכת התורה, א ברכת המזון, א זמן קרי"ש, א דאווענען, אדער חס ושלום ווען עס קומט צו די עלטערנס באקוועמליכקייטן איז גאר א צווייטע בילד, און בפרט יעצט אין די זומער חדשים אויב מען דערקענט נישט די עלטערן מיט אלע זייערע גדרים וסייגים וואס זיי פאדערן פון זייערע קינדער,** (און אלץ אויף די קינדער'ס חשבון, מען שיקט זיי אין קעמפ און ממילא לאזט מען זיך וואויל גיין), **אדער אויב די צניעות מיט דער לבוש איז נישט דער זעלבע ווי דער חינוך און תקנות המוסד, קומט אויס אז דער קינד ווערט נתחנך אז אין מוסד שטעלט מען צו תקנות המוסד, אבער שבת, זונטאג אדער אין די חודשי הקיץ, איז מען סותר דער גאנצע חינוך. אויב אזוי אז דו אנערקענסט נישט אין דער חינוך, דאן אדרבה, שיק בעסער אין א מוסד ווי דער חינוך מיט דער שטוב זענען מאוחד, אבער עס זאל נישט זיין צוויי הנהגות, אידשקייט איז אמת און אמת איז נאר איינס.**

ע"כ אויב די אידישקייט איז א חצוניות'דיגע לעבן מן השפה ולחוץ, פון וואו זאלן אונזערע קינדער באקומען א לעבן פון אמונה, אויב דער לעבן ארום זיי איז א פאלשע לעבן, אויב ווען עס פאסירט עפעס א היזק אדער אן עגמת נפש, דרייט זיך איבער דער שטוב מיט א רוגזא, אדער דער מענטש ווערט אויס גדר אנושי, מה יעשה הבן שלא יחטא אויב זיין כח הציור לעבט עס מיט, קומט אויס אין זיין אייגן וועלטעלע טוט ער אויך אזוי, **ע"כ דער יסוד איז לעבען מיט השי"ת, מיט א שפראך פון אמונה, א לעבן פון בטחון אז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, קינדער זאלן זעהן ביי דאס ביסעל וואס מאמעס דאווענען אין שטיב הן כה"פ איין שמו"ע א טאג הן א ליכט בענטשען ווי זיי שמועסען זיך אדורך מיט השי"ת,** און מען זאל זיי אויסלערנען אז דעמאלטס דארף זיין שטיל ווייל 'איך גיי יעצט מתפלל זיין צום בורא כל העולמים, הזן ומפרנס לכל, דער שומע תפלת כל פה, אפילו אונזערע תפילות.

**צום שלוס:** וואלט איך געוואלט מעורר זיין א נקודה, מען זאל נישט אפלערנען פאלש דעם ענין פון זיין שגור שם שמים בפינו, ווייל לכאורה אין אונזער פרשה זעט מען גאר א ג-טליכע שפראך וואס בלעם האט גערעדט 'אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבר את פי ה' אלקי לעשות קטנה או גדולה, ויען ויאמר הלא את אשר ישים ה' בפי אתו אשמור לדבר, אזוי שיין און פיין א געטליכע שפראך!, אבער דאס לערנט אונז דא די תוה"ק אז אידישקייט איז נישט בלויז א שפראך, ווייל זיין רעדן פון השי"ת, ממש ווי ביטול היש מיט די אלע געטליכע

לשונות, איז ער נאכאלץ געווען א בלעם הרשע, און דער יסוד איז, אז אידישקייט דארף זיין א מציאות!

דאס לערנט אונז די משנה כל מי שיש בידו שלשה דברים הללו, מתלמידיו של אברהם אבינו. ושלשה דברים אחרים, מתלמידיו של בלעם הרשע. עין טובה, ורוח נמוכה, ונפש שפלה, מתלמידיו של אברהם אבינו. עין רעה, ורוח גבוהה, ונפש רחבה, מתלמידיו של בלעם הרשע. אז דער בסיס פון אידישקייט איז דער מענטשהייט, די מדות טובות, און ווען דאס איז דא דעמאלטס איז דא דער תהלות ישראל, אזויווי דער **מעזריטש'ער מגיד זצוק"ל** האט געטייטשט **ואתה קדוש** וואס טוט השי"ת פון נאך מתן תורה אשר בחר בנו לעמו, **יושב תהלות ישראל** ער הערט אויס אונזערע שירות ותשבחות דער שגור ש"ש בפינו. אבער עס דארף זיין 'תהלות ישראל' מתלמידיו של אברהם אבינו ע"ה, נישט תהלות בלעם הרשע.

**למעשה:** דער ציהל אין עבודת השם זאל נישט זיין צו האבן הרגשים, נאר צו דערהערן ריכטיג דעם מה חובתי בעולמי, און דינען השי"ת ווי אן עבד נאמן, פשוט אשר קדשנו במצותיו וצונו, און דער הרגש קומט פון זיך אליינס, נאכדעם.

און נאר אז מען גארטלט זיך פעסט אן מיט אמונה פשוטה, צו לעבן מיט אן הכרה אין אונזער קשר צו השי"ת אין אלע סארט מצבים גוטע אדער ח"ו פארקערט, אזוי קען מען דינען השי"ת ווי אן עבד נאמן אָן קיין אפהאלט סיי ווען; אבער מען דארף זיך צוגעוואוינען אז דאס זאל זיין א חלק פון אונזער הנהגה און אמת'דיגע אמונה, נישט מן השפה ולחוץ, כדי עס זאל אריבערפליסן צו אונזערע קינדער.

און צום שלוס, אויב ווילסטו דאך די ריכטיגע הרגשים, לערן דורך דעם הייליגן ספר **"הכשרת האברכים"** (לבעל חובת התלמידים) וואס לערנט אויס וויאזוי ריכטיג אויפצובויען די הרגשים, און זיי ריכטיג נוצן צו עבודת השם.

***

**י] שאלה:** איך שפיר אז איך האב א שוואכע 'ערך עצמי', איך בין געווען ביי א היימישער פסיכאלאג און ער האט מיר אויפגעקלערט אז דאס קומט ווייל איך האב געהאט א שווערע יוגנט אינדערהיים אלס קינד, און איך דארף דערפאר טעראפי, למעשה האט עס שוין אפגעקאסט ממון ודמים, און טאקע בשעת מעשה שפירט זיך גוט, אבער למעשה זעה איך מיך נישט ארויס פון מיין פראבלעם, און דאס ביסל קשר וואס איך האב שוין יא געהאט מיט מיינע עלטערן, האט דאס טעראפי מיך אריינגעברענגט אין אינערליכע שנאה מיט ווייטאג אויף זיי, איז דא עפעס אן עצה וואס איך קען מיר שוין איינמאל פאר אלעמאל העלפן און לעבן א גליקליכע פרייליכע לעבן?

ח.ש. קרית יואל

**תשובה:** אוי! א בראך פאר די מענטשען וואס זענען ליידער אנגעקומען צו די חכמים להרע מיט זייער גרויסע דעגר"י, וואס חוץ אז עס קאסט אפ געלט מיט צער הנפש, איז אחרי ככלות הכל זעט מען זיך נישט ארויס פון דער פראבלעם, און די נאנסטע מענטשען וואס זענען דא פאר אונז די עלטערן דאס האט איר שוין אויך נישט, דאס איז אדאנק די גוי'אישע מהלכים אז א מענטש איז בארעכטיגט מיט זיינע געפילן, און אויב ער פירט זיך נישט באקוועם אדער עס ברענגט אומזיכערקייט זאל ער עס עוואוידע"ן און דאס אויסשניידען פון זיין טאג טעגליכע לעבן, מיר האבן שוין געהאט גאר אסאך אזעלעכע פעלער וואס זענען אנגעקומען צו אונז, און ב"ה בס"ד באור הדרכת תוה"ק האבן זיי זיך געטוישט צום ריכטיגן בליק אויפ'ן לעבן.

באמת גאר אסאך מענטשען מיט זייערע טאג טעגליכע פראבלעמען מיט נסיונות החיים, גלייבן דערין צו באשולדיגן די שווערע קינדערישע יארן, אבער מיר ווייסן אז לויט די דעת תורתנו הקדושה זענען מיר 'בעלי בחירה' מיר האבן באקומען דער כח בוחר זיין וואס מיר ווילן טראכטן, רעדן, און טוהן, און אפילו מיט אונזערע מצבי הרגשים זענען מיר אויך שולט אויף דעם, און דאס טעראפי פון דת תוה"ק אז א מענטש זאל זיך אויסלערנען צו קענען בוחר זיין און זיין א שליט אין אלע זיינע מצבים, צו קענען אויך דאן רעדן מיט א רואיגקייט, איידלקייט, זיך שפירן גוט מיט די אייגענע מעלות און כשרונות, ווען א מענטש לערנט זיך אויס צו בוחר זיין און פעסטשטעלן זיין מצבים זיי זאלן זיין מיט א גוטע געמוט דאס אליינס ברענגט און באפעסטיגט זיין מהות און הייבט זיין ערך עצמי.

באטשיג, מיר לייקענען נישט אפ אז עס איז דא אזא הנחה אז א מענטש'נס שווערע דורכגאנג אדער יוגנט ברענגט צו אסאך צער ויגון הנפש, איז אבער די שאלה וואס איז די ריכטיגע רפואה: וויינען, קרעכצן און באשולדיגן דעם עבר, אדער זיך פעסטשטעלן פאר'ן קומענדיגן עתיד, טאקע שרעקליך פארלוירן 'א מיליאן דאלער', אבער אין דער זעלבער צייט וואס איך וויין אויף די אבידה האט השי"ת מיר געגעבן די מעגליכקייט זיך צו קענען משתדל זיין און מאכן א פרישע הכנסה. דעם גאנצן עבר לייגט מען אוועק אין דער אוצר פון אמונה אז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, וואס דער מפתח של אמונה ובטחון ברענגט צו שלות ומנוחת הנפש אויפ'ן עתיד.

צווייטנס, אויב מיר זאלן יא אננעמען צו באשולדיגן דעם עבר, הער אויס א דוגמא: ווען א מענטש איז אנגעזעצט, ער שפירט זיך איינגעצוימט, אבער למעשה ע"פ רוב זעט מען, אז ווען עס קומט אים אונטער א דבר שמחה, ער הערט א גוט ווערטל וכדו' טוישט זיך זיין גאנצער מצב רוח, און ער ווערט אויפגעראמט, ער ווערט פריילעך, - פארוואס זאגט מען נישט אויך דא אז די שמחה האט אויך גורם געווען זיינע גוטע יונגע יארן, און אויך, פארוואס די פארביטערטע זמנים פון דער עבר שטייען אים נישט יעצט אין וועג?

נאר דער תירוץ איז פשוט, די יעצטיגע שמחה וואס ער האט זיך געלאזט משמח זיין דאס האט אים אריינגעברענגט זיין מצב אין א גוטע גיסטע, אין א פלאץ פון אורה ושלות הנפש, זיין אייגעצוימטקייט ווערט בהרחבה, דאס אלס קומט פון דער מצב וואס ער האט זיך בוחר געווען און געלאזט אז מען/עס זאל אים משמח זיין. קומט אויס, אז א מענטש'נס הרגשים זענען בדרך כלל געבויעט לויט וואס עס גייט אדורך ביי זיך, וויאזוי ער קוקט זיך יעצט אן, און וויאזוי ער שעצט זיך, און וויאזוי ער טייטשט אפ דער פאסירונג ארום אים, און בעיקר וואס ער טראכט אויך יענער מינוט. און ווען א מענטש זוכט כסדר ווייטער צו גיין און שטייגן, און כסדר זיין א בוחר בחיים, מיט זאכן וואס ברענגען שמחה וחדוה, דאס לעבט אויף דער עתיד פון דער מענטש; און דערצו, ווען א מענטש איז אין א מקום פון מנוחה ושלות הנפש, דעמאלטס בו בזמן אינטערסירט אים נישט זיין עבר וויאזוי זיינע עלטערן האבן זיך מיט אים אויפגעפירט, אדער זיינע מגי"ש און מנהלים, אדער פון זיין סביבה און חברים, ארבעט'ס פלאץ א.א.וו.. ווייל ווען א מענטש איז אין א פרייליכע אויפגעלעבטע מצב פאלן אוועק די אלע ווייטאגן פון ארום אים, ווייל דעמאלטס האט ער זיך געלאזט ארויסגיין פון די פארקלעמקייט, און זיך געלאזט בוחר זיין אין א מצב פון מנוחת הנפש.

**און נאכאמאל, מיר מיינען נישט אפצולייקענען דעם צער העבר; אוודאי עס איז אסאך לייכטער צו האבן א גרינגע יוגנט, און האבן פרייליכע זכרונות, פון א ווארימע סביבה מיט סבלנות און שפירן אז מען האט א נושא בעול מיט עידוד והיזוק אויף אונזערע שוועריקייטן, און דאס אלס וואלט גרינגער געמאכט דאס לעבען, די נפש וואלט נישט געווען אזוי בצער ויגון, אבער דאס הייסט נסיונות, יעדער האט זיך זיינע נסיונות, אבער מיט די נסיונות קומט מיט הויפענעס סייעתא דשמיא צו קענעןביישטיין די נסיונות;** יעדער מיט זיינע שוועריקייטן, עס איז נישט קיין נפק"מ וויאזוי עס שפילט זיך אויס אדער וויאזוי עס הייסט דער נסיון, צי עס הייסט עלטערן, חברים, מחנכים, וכדו', ווייל מיר האבן דער כח הבחירה אפצולאזן דעם עבר, און עס אפטיילן פונעם עתיד, און זיך פעסט אוועקשטעלן בס"ד מיט א תורה'דיגע מדריך ומחנך צו קענען האבן א לוסטיגער עתיד.

און כלל גדול נקוט בידך, די אלע אמת'דיגע טענות און הרגשים זענען גערעכט, און אויף דעם זאגט מען 'אל תהיה צודק אלא חכם', ווייל למעשה די אלע מענטשען וואס האבן אויפגעבויט א גדר ארום זיך מיט ציגל וואס איז צוזאמגעשטעלט פונעם עבר, און נישט געלאזט אנטוויקלען זייער עתיד, האבן ליידער נישט זוכה געווען צו האבן דער ריכטיגע שמחה ושלות הנפש, כאטשיג זייערע הרגשים זענען גערעכט אבער עס האט זיי קיין ערגעץ נישט צוגעברענגט.

ע"כ עצה טובה קא משמע לן, מה דהוה הוה, און דאס איז אלס א פארגאנגענהייט, און אנשטאט אריינלייגן כח ומח צו אויפוועקן אלטע ווייטאגן וואס איז שוין לאנג נישט דא, און וואס ברענגן דעם מענטש צו א צער ובכיה של חנם, אין דער זעלבער צייט זאל מען אריינלייגן כוחות צו אויפבויען א שיינעם עתיד, אפגעהאקט פון דעם ווייטגאליכן פארגאנגענהייט. נאך אלע מעשיות מיר דארפן אונזערע עלטערן ווייל דאס איז א חלק פון אונז, ג' שותפים באדם הקב"ה אביו ואמו; און בעיקר דארף מען געדענקן, מיר האבן א תורה הקדושה וואס איז אונז מחייב אין אלע מצבים מיט כבד את אביך ואת אמך, על כן קען מען זיך נישט ארויסדרייען פון דער חיוב, נאר עס איז דא א תורה פאר אידן, אויף יעדע מצב, וויאזוי מען באהאנדלט א זאך, און פונקט ווי עס איז דא א שולחן ערוך חושן משפט ביי יעדע שאדן און יעדע פייניגונג פון א חבר, וואס מען קען אים מאנען, און וויאזוי מען מעג אים באהאנדלען, זענען דא פונקטליכע הלכות ביי כיבוד אב ואם, אין שו"ע יורה דעה סימן ר"מ, וויאזוי מען באגייט זיך מיט עלטערן, און אויב האט איינער טענות ח"ו זאל ער מוחל זיין, און ארויסנעמען א שו"ע אדורכלערנען דעם גאנצן סימן, פרעגן א מורה הוראה, און באהאנדלען דעם מצב לויט די דעת תורה, פונקט ווי אן ערליכער איד טוט ביי הלכות כשרות והלכות בשר בחלב, און נאר אזוי וועט

ער מצליח זיין. און אויב דו ווילסט נאך מער עפן אויף א גמרא מסכת קידושין (לא.), "בעו מיניה מרב עולא עד היכן כיבוד אב ואם? אמר להם צאו וראו מה עשה עובד כוכבים אחד באשקלון, ודמא בן נתינה שמו... פעם אחת היה לבוש סירקון של זהב, והיה יושב בין גדולי רומי, ובאתה אמו, וקרעתו ממנו, וטפחה לו על ראשו, וירקה לו בפניו, ולא הכלימה", - וואס וואלטן די פסיכאלאגן געזאגט ביי אזא פאל? און קוק דארט ווייטער, "שאלו את רבי אליעזר, עד היכן כיבוד אב ואם? אמר להם, כדי שיטול ארנקי, ויזרקנו לים בפניו, ואינו מכלימו". און מיין נישט אז דער וועג מאכט ח"ו צעבראכן, ווייל די תורה איז דרכיה דרכי נועם, און משמחי לב. אבער אפילו אין אזעלכע ביטערע מצבים און ווייטאגן איז דא אין די תורה א פונקטליכע הדרכה וויאזוי צו באהאנדלען יעדער מצב אין לעבן כדי צו זיין גליקליך און צופרידן, און וויאזוי אומצוגיין מיט אלע סארטן התנהגות ביי עלטערן, וזאת התורה לא תהא מוחלפת. על כן מע"כ, צי וואס לוינט צו זיך רעגען און באשולדיגען דער עבר, יעצט אז דו ביסט א בר חיובא נעם דיך אין דער האנט אריין און טראכט גוט וועט זיין גוט, נעם **100%** אחריות אויף דיינע אייגענע מעשים און ווער א בעה"ב אויף דיינע מחשבות, און לאז נישט דיינע מחשבות דיך איבערנעמען, **מיר קענען נישט פארעכטן דעם עבר, אבער מיר קענען בוחר זיין אונזער עתיד**, און מיר קענען פעסטשטעלען דאס עתידות פון אונזערע לעבן, דורכ'ן איסוועלן וויאזוי דו טראכסט וויאזוי דו רעדסט, און וויאזוי דו פירסט זיך אויף בדרכי נועם. אע"פ עס איז גרינגער זיך אריינלייגען אין א מצב פון 'א רחמנות', און באשולדיגען דעם עבר, אבער לא מחכמה שאלת זאת, און באמת די סיבה וואס דו לייגסט זיך אריין אין אזא מצב, איז ווייל דארט שפירסטו אן התפטרות, אז דו דארפסט נישט זיין קיין נושא בעול; אבער למעשה ווי ברענגסטו זיך אליינס צו, סך הכל דער איינציגסטער וואס ליידט איז דיר אליינס, ווייל מצד אחד ביסטו געבוירן ווי א מענטש מיט הרגשים, אבער אויך מיט תורה ומצות וואס גיבן אריין א געטליכע כח פון שמחה ושלות הנפש, און דו לייגסט זיך אריין אין א מצב פון א לעבן פון א בהמה וואס דאס ביסטו נישט, ע"כ שטעל אפ דער באן פון קרעכצן מיט באשולדיגונגס, און נעם דיך אין דער האנט אריין, וועסטו זעהן אז דו וועסט ווערן א מענטש מיט אן ערך עצמי פונקט ווי אלע ארום דיר, און ווי מער דיר לערנסט זיך אויס צו קענען **בוחר זיין צו טראכטן גוט** און כ"ש טאן גוטס וועט דאס משפיע זיין שלימות שלות און שמחת הנפש.

**למעשה:** געוואין דיך אפ אפצוטיילן דעם עבר פון דיין עתיד, דער עבר וואס דו קענסט נישט פארעכטן זאלסטו באהאנדלען בלויז לויט דעת תורה און הלכה פסוקה, און דעם עתיד זאלסטו נוצן דיין כח הבחירה, עס צו נעמען אלס א פרייליכע תקופה אין לעבן, און זיך נישט לאזן (פאר)פירן פונעם עבר, אדער עס נוצן אלס א תירוץ זיך צו פטר'ן פון דיין עבודה אויף א גליקליכע לעבן.

***

**יא] שאלה:** *פארוואס איז דא היינט לייַדער אזויפיל פירות הנושרים פון גאר פיינע שטיבער, אפי' גאר אסאך זענען פורקי עול, אדער גייען נישט ווי דער חינוך פון זייער שטוב, און וואס איז די עצה? און אפשר מיר עלטערן זענען ח"ו שולדיג צו דעם? ע"כ נפשי בשאלתי וואס קענען מיר טון צו דעם?*

*ח.ש.ב. מאנסי*

**תשובה:** אוי! ה' ירחם עס רייסט דער הארץ, אבער איר האט צוזאמגעווארפן אין איין אטעם גאר אסאך שאלות, וואס יעדער שאלה איז א מסכתא פאר זיך וואס דארף גאר אסאך ישוב הדעת מיט התבוננות צו ענטפערן, און בכלל איז שווער צו דן זיין בפרטיות ווייל יעדער קינד איז אנדערש, און יעדע מציאות איז אנדערש, ע"כ וועלן מיר ענטפערן בכלליות, און יעדער איינער וואס האט א שמעק פון אט די פראבלעמען זאלן מקדים זיין מיט א שאלת חכם אין דער פעלד וואס קען מדריך זיין די עלטערן אדער מחנכים וויאזוי צו ארויסקוקן פון זיך און גוט אפלערנען דער שורש, וואס ווען מען כאפט דאס באצייטנס קען מען איינשפאָרן גאר אסאך עגמת נפש פון אלע צדדים.

ראשית כל, למען דעת אז היינטיגע פירות הנושרים קומט נישט מרוב התבוננות אדער פון א פילאזאפישע אנערקענונג צו מזלזל זיין אין שמירת תורה ומצוות ח"ו, נאר רוב פון זיי קומט פון א יאוש און אן אומצופרידנקייט, וואס דערפאר האבן זיי זיך לויז געמאכט און זיך איינגעוואינט אין א לעבן ווי א בהמה וחיה ה' ישמרנו, און ווען זיי זענען אנגעקומען צו א משבר האבן זיי נישט געהאט דער גוטער חבר, א ידיד ווי ר' יוחנן וואס האט געזאגט פאר ריש לקיש און זיינע שוואכע זמינים 'כמה כוחך יפה וחילך לאורייתא', דאס האט זיי צוגעברענגט אז זיי האבן געמאכט דער החלטה אז אויב איך בין אדורכגעפאלן - בין שוין ממילא א דורכפאל, און איך שוין ממילא פאלוירן מיין סביבה, און איך האב שוין נישט קיין עכטע חבורה, און אמענטש בטבע דארף עקסעסטירע"ן האבן זיי געטראפן א חברת הרחובות וואס דארט איז מען מקבל יעדעם איינעם בסבר פנים יפות, (אבער נאר ווילאנג זיי דארפן אים גארנישט ארויסהעלפן אין זיין מצב...).

אדער, גאר אסאך מאל האבען זיי געהאט א שוואכע נפש מבריאתם, וואס היינט צו טאג'ס איז דא כל מיני רפואות ב"ה וואס אז מען כאפט עס גאר יונג צוזאמען מיט א מדריך וואס איז מייעץ ומחזיק, על פי רוב וואקסט מען דאס אויס, און גאר אסאך פון די סארט קינדער זענען טאקע אומשולדיג, בפרט ווען זיי האבן כסדר באקומען שטראף רייד בו בזמן ווען זיי זענען נישט געווען בשעת מעשה קיין בעל בחירה.

**און לגבי די שאלה** צי עלטערן וואס האבן זיך געפירט כדבעי, נאר ליידער זענען זיי מנוסה געווארן מיט דעם שווערע נסיון פון א קינד אדער מער א פרי הנושר ה' ירחם - דער ווייטאג איז גאר שווער, אבער וזוכר חסדי אבות הק' יצחק אבינו מיט אמנו רבקה האט געהאט א עשיו הרשע א נושר, דאס קען פאסירן אין די חשובסטע שטיבער, אויך אלישע בן אבויה (אחר) איז נתגדל געווארן אין א ערליכע שטיב, און נאכמער חזקיהו המלך וואס האט געזען מיט רוח הקודש אז ער וועט האבן נישט-ערליכע קינדער מנשה און רבשקה און האט דערפאר נישט געוואלט חתונה האבן, האט השי"ת געזאגט אז ער וועט נישט גיין אין עולם הבא, ווייל אויב עס איז אזוי באשערט פון אויבן איז זיין פליכט אויפצוציהען אזעלכע קינדער, און בהדי כבשי דרחמנא למה לך (עי' באריכות ברכות י.).

נאר אונזער מהלך למעשה דארף זיין צו פראבירן דאס בעסטע, און גיין מיט'ן בליק אז יעדער בחור אדער בתולה האט אן אייגענע בחירה צו בוחר זיין לחיים אדער חלילה פארקערט, און איין זאך איז קלאר כשמש בצהרים, אז דער שטוב ווי דער קינד איז נתגדל, דער אטמאספערע מיט די ווארעמקייט און נאנטקייט צווישן זיך מיט די קינדער, שפאָרט איין גאר אסאך עגמת נפש, און ווען מען זעהט אז דער ביימעלע ווערט אביסעל וואקעלדיג שוין דעמאלטס פאדערט זיך א חשבון הנפש.

**און לגבי די שאלה** וואס קען מען טאן צו איינשפארן אז דאס קינד זאל נישט גליטשען מער ווייט, דעמאלטס איז שוין בעיקר ארויסציווייזן א גאר שטארקע קירוב, מיט ווארעמקייט און ליבשאפט, אע"פ עס איז אן עבודה קשה שבמקדש, אבער מען דארף טון צום זאך פארגעסן א שטיק צייט פון זיך און אריין און חברת הצלת נפשות, און זעהן אז דער שטוב זאל זיין באקוועם מיט חיי נחת כדי דער קינד זאלן נישט וועלן זיכען קיין פרעמדע באקוועמליכקייטן, החכם עיניו בראשו - חנוך לנער ע"פ דרכו - און נישט ע"פ דרכך, בכללות איז יעדער שטוב אוועק געשטעלט איין מין חינוך פאר אלע קינדער, אבער ווען עס מאכט זיך א שוואכע נפש, אדער א גאר קלוגע קינד, דארף מען בשכל זעהן אז דאס קינד באקומט זיין חינוך ע"פ דרכו. און א מחנך איז, איינער וואס קען כאפן דער שורש נאך פאר עס בליהט ארויס. און ווען א קינד פרעגט א שאלה באמונה אדער ביהדות, דארף מען זעהן נישט משתיק צו זיין בעל כרחו, נאר צו שטעלן די ריכטיגע תשובה כי ישאלך בנך מה זאת ואמרת אליו וגו', און אויב די עלטערן האבן נישט קלאר ארויס די תשובות, ווייל עס איז זיי קיינמאל נישט איינגעפאלן ממילא דארפן זיי נישט קיין תירוץ, אבער וויבאלד דיין קינד פרעגט, דארפסטו זיך אריינלייגן אין זיין שאלה וואס שטערט אים, אדער לכה"פ נעמען צו א ערליכער מחנך א יר"ש וואס קען עס ענטפערן מיט א קלארקייט.

**און לגבי די שאלה** פארוואס איז דא בימינו אזוי פיל פרי הנושר, ברור אז דאס האט נישט קיין שום קשר מיט דער מציאות פונעם היינטיגן היסטאריע, ווייל במשך כל הדורות, איז שוין געווען דער יצר הרע פון וועלן זיין א פורק עול תורה ומצוות, דער מלך זקן וכסיל, שוין בימי קין והבל, דתן ואבירם, קרח ועדתו, המתאוים, המתלוננים, המרגלים, יעדער איינער לפי דרגתו האט זיך נישט געפירט כרצון ה', בתקופת בית ראשון האט מען געדינט ע"ז, און נאך דעם די מתיוונים, די צדוקים און אזוי אויך די ערשטע נוצרים זענען ליידער געווען מזרע ישראל, און אזוי איז געווען במשך אלע דורות, פון דייטשלאנד ביז דא אין אונזערע מדינה, נאר וואס דען? בימינו איז דא אן אפענע וועלט, אמאל האט זיך אפגעטון דער פרי הנשר יעדער איינער אין זיין שטעטעלע, און עס האט אויסגעקוקט ווי גאר ווייניג, ווייל מען האט נישט געהאט קיין קשר מיט ארום זיך אבער היינט שיירות מצויות און דער טעכנאלאגיע זענען מאחד די נייעס פון דער וועלט, ע"כ זעט עס אויס ווי אסאך מער.

לענינינו, ווייל עס איז ליידער נישט קיין נייע פראבלעם דארף מען נישט זוכן נייע עצות, נאר אז דער פראבלעם איז שוין עתיק יומין, דארף מען צוריקגיין בדרכי אבות, אזוי ווי עס שטייט אלך לי אל הר המור ואל גבעת הלבונה דרש'נען חז"ל הר המור אלו האבות וגבעת הלבונה אלו האמהות, און מזקנים אתבונן, און נישט מחדש זיין קיינע דרכים והנהגות וחכמות דלא שְׂעָרום אבותינו ואבות אבותינו.

דער בעל מוסר **הרב שמשון רפאל הירש זצ"ל** שמועסט אויס אז די סיבה פארוואס אברהם האט מציע געווען נישט צו מגרש זיין ישמעאל, און שרה האט געהאלטן אז יא, משא"כ ביי יעקב און עשיו האט מען זיי יא געלאזט אין איין הויז, נאר ווייל אברהם האט געהאלטן אז ווען ער וועט זיך ארומדרייען אין א סביבה פון תורה מיט ווארעמקייט און איידלקייט, וועט דאס סוף כל סוף אויסאיידלען זיינע מדות רעות ומושחתות, און אויך אז יצחק וועט צו זעהן די שלעכטע התנהגות פון ישמעאל וועט ער וויסען אז אויף דער וועלט איז דא שלעכטע מענטשן און זיך לערנען וויאזוי צו מתמודד זיין מיט זיינע נסיונות. האט שרה אמנו געזאגט אז יצחק דארף נישט לערנען זיך צו פארמעסטן מיט די שלעכטע גאס, ווייל ער איז א קדוש יושב בד' אמות של הלכה. און אויף דעם פסק פון שרה חכמת נשים בנתה ביתה האט הקב"ה מסכים געווען מיט איר, כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה, אזויווי חז"ל לערנען אונז אז זי איז געווען גרעסער בנביאות ווי אברהם אבינו, און זי האט געזען אז יצחק וועט זיין א מתבודד בד' אמות של הלכה, ממילא פעלט נישט אויס ישמעאל'ס פיהרונג זיך צו קענען מתמודד זיין און זיך באווארענען פון די שלעכטע מענטשן.

אבער דאקעגן, יעקב א איז ארויס לחרן און צום סוף למצרים, ערות הארץ, וועגען דעם האט מען עשיו הרשע נישט ארויסגעווארפן פון יצחק'ס שטוב, ווייל ער איז געווען דער צד שכנגד וואס יעקב אבינו דארף זיך אויסלערנען וויאזוי זיך נישט צו אפלערנען פון שלעכטע וועגן, אבער זאגט ער גאר א שטארקע יסוד די שמירה און די התמודדות קען נאר מצליח זיין אויבביידע אהלים זענען על טהרת הקודש, יעקב אבינו האט געהאט א געזונטער שכינה'דיגע היים פון יצחק און רבקה, און געווען בישיבת שם ועבר, און דער התנהגות פון זיין ברידער עשיו איז געווען דייקא בשדה, אבער ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער זיך לכה"פ געמאכט ווי א צדיק'ל היאך מעשרים את התבן ואת המלח, און דייקא ווען א קינד האט צוויי פעסטער אוהלים דאן איז דער נושר בלויז א הילף פאר'ן ילד החכם צו וויסען 'וואס נישט צוטוהן'. עכ"ד.

נאר עס איז קלאר אז דער מלך זקן וכסיל דער מסית ומדיח איז דער זעלבער יצה"ר, נאר ער טוישט זיך זיין נאמען, היינט רופט ער זיך - זאגט דער קדושת ציון מבאבוב זצ"ל - 'היינטיגע צייטן', ממש איך וויים נישט וועלכע צייטען עס איז געווען דעמאלטס, אבער יש מחר לאחר זמן און ממש בימינו דאס איז דער יצה"ר מען הערט כסדר כל מיני תירוצים "שווערע זמנים...", "מען דארף פארשטיין היינטיגע צייטן", און דער גוי'אישער רוח קומט אריין מיט אלע זייערע חכמות.

אודאי איז דער נסיון בזמנינו זיכער אנדערש ווי אמאל ווייל אלע דורות איז דער יצה"ר געווען געבויט מער שכלי'דיג וועגן דעם איז געווען ר"ל א נסיון פון שמד, אפיקורסות, פילאזאפיע, חכמת יון, השכלה, אבער היינטיגער דור נאך די מלחמה איז אוועקגעשטעלט ממש א מלחמה צווישען 'מעשה אדם' אדער 'מעשה בהמה', דער גאס איז אזוי פארגרעבט, דער רוחות וואס א קינד הערט און ווייסט ה' ירחם, און אודאי צו דעם דארף זיין מאויבי תחכמיני און דן זיין דער דור לויט די מעשה הנסיון, אבער מען דארף וויסן וואס עס מיינט נאכאלץ ביי די אלע מצבים, דער ענין פון מזקנים אתבונן און צאי לך בעקבי הצאן וואס מיר האבן פריער דערמאנט; דהיינו, אזויווי דו פארשטייסט אז כלי טעכנאלאגיע לגבי הל' שבת זאגט מען נישט אז די הלכה האט זיך געטוישט וויבאלד די חכמי חז"ל האבן נישט געהאט און געקענעט די אלע המצאות, נאר וואס דען, אין די תורה הקדושה וואס איז א שכלי אלקי נצחי, שטייט דארט קלאר אלע יסודות אין אלע סארטן שאלות עד סוף כל הדורות, און די גדולי ישראל האט השי"ת זיי געגעבן דער כח ההכרעה צו מדמה זיין מילתא למילתא און פסק'נען לויט'ן דעת תורה ביי אלע שאלות הנוגעות לפי המצב והזמן, און אזוי ווערט די הלכה, און דאס זעלבע זאך איז ביי עניני חינוך הדורות, וואס חינוך איז אויך א חלק התורה, א ריכטיגע תורה שלימה כמו שנאמר למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו וגו'.

ע"כ ליגט אויף אונז א פליכט צו אפלערנען מיט'ן דעת התורה הקדושה, די יעצטיגע נסיונות, און דערגיין פונעם דרך התורה די כח צום שורש הנסיון אין הנהגת הדור וואס דאס איז מעשה בהמה, וואס א בהמה איז נישט קיין בעל דעת נאר הפקר לכל, און ארויסברענגען פאר אונזערע קינדער זייער דעת אנושי 'מלמד לאנוש בינה' און שכל הנשמה, לערנען מוסר, יסודות הדת עשרת הדברות, ספר החינוך, חובות הלבבות, רבינו יונה וכדו', און דוקא, אינעווייניג אותיות מחכימות, ווייל ווען א קינד וואס פלאגט זיך צוליב רוב חסרון ידיעה זעט אינעווייניג די הלכה, די הנהגה, און מען לערנט מיט אים די אלע ספרי יראה ומוסר מיט די זעלבע יגיעה ווי א לומד'ישע שטיקל גמרא וועט דאס קינד/בחור מיט דער טאטע און מגי"ש ווערן א חפצא של קדושה, לעבן מיט געטליכע מחשבות, און דער כח התורה וועט זיין מחכימת פתי, און מהפך זיין די אלע בהמיות ומדות רעות, פון די מחשבות 'הפקרות מעול החיים', צום 'קבלת עול מלכות שמים'.

**אבער בימינו בפרט יעצט עס קומט די בין הזמנים די חודשי הקיץ, חדשי העינים, אוי! עס ברענט א פייער, און עס ציטערן די נשמות פון אונז מיט אונזערע קינדער איז אז מען נעמט ארויס די קינדער מיט בחורים** (און מיידלעך להתנהג בצניעות מיט א איידעלקייט, און אריינפלאנצן און זיי דער חסידישע חן מיט ריינע השקפות) **זיי זענען נישט אינדערהיים, זיי זענען אינגאנצן אונטער דער עול וההדרכת המוסד, דארף זיין א לימוד און א הדרכה ווי אזוי א חסיד'ישע איד רעדט, גייט, עסט, שלאפט,** (מאכן זיכער יעדער האט א חסיד'ישע שיעור יארמילקע, שלאפן מיט ציצית, אויפ'ן ריכטיגן וועג וכו') **און אויסלערנען אז ויגבה לבו בדרכי ה',** וואס דאס איז פשט חנוך **לנער ע"פ דרכו** אז מען זאל אזוי שטארק אויף בויען דאס קינד ביז עס וועט משפיע זיין אז גם כי יזקין די עלטערען **לא יסור ממנו** וועלן אויך זיך נישט אוועק ריקען פון דער חינוך פון די מעשים טובים וואס דער קינד איז נתחנך געווארן.

**השי"ת האט מסבב געווען בימות הקיץ איז דא משנה תורה פרשיות פיל מיט מוסר און יר"ש, עשרת הדברות קרי"ש, כדי בו בזמן מען איז בהרים ובגבעות, מנוחת שלום ושלוה דעמאלטס איז דער צייט מען זאל אוועקלייגען דער עיון אביסל, און אויסאיידלען דער מענטשהייט אז עס וועט זיין א 'אדם יר"ש', א כח וואס איז זיך מגביר אויף בהמי, דעמאלטס וועט מען קענען אויף די יסודות ווייטער מחנך זיין דורות ישרים ומבורכים בס"ד.** און מיר עלטערן דארפן לכה"פ מאכן זיכער אז אונזערע שטיבער זענען געזונט מיט א רואיגקייט, מיט א ווארעמקייט, אז א קינד זאל האבן א מקום פון כלי-התמודדות אקעגן זיינע ביטערע נסיונות, און אז דער שטוב וועט זיין א מקום פון אהבה ואחוה ושלום, וועט עס זיין א מקום פון שמחה און קדושה.

מען דארף גיין בדרכי האבות, לויט די היינטיגע נסיונות, און הערן פון די חכמי הדור וויאזוי צו נוצן די הדרכות התורה אין היינטיגן מצב, און בעיקר ובכללות, אנצופילן אונזערע קינדער מיט פשטות יסודות היהדות, ספרי מוסר בפנים, פרשיות התורה חומש רש"י, וואס דאדורך דעם וועט לייכטן די אור השכל, און זיין פעלזן פעסט קעגן די היינטיגע נסיונות וואס זענען כולן תאוות בהמיות, און אט דאס זענען די כלים צו מלחמה האלטן מיט דער היינטיגע גאס וואס איז א בהמי, צו אנפילן אונזערע קינדער מיט'ן תענוג פונעם שכל הישר פון די תורה, און פארשטייט זיך דערצו פעלט אויס א ווארימע באליבטע היים אלס א שוץ ארט אין יעדער צייט, ובעז"ה השם נעשה ונצליח.

***

**שאלה:** *איך דאווען יעדען טאג בברכת אהבה רבה "ותן בלבנו.. ללמוד וללמד", און איך בין א בחור אין ישיבה נישט קיין מגי"ש און נישט קיין ראש ישיבה, וואס דארף איך מכוון זיין ביי ללמד?*

*הב' י.מ.ד מאנסי*

**תשובה:** ערשטנס קען זיין, אז דער ללמוד זאל זיין אזוי קלאר שמעתתא אליבא דהילכתא אז אי"ה ווען דו וועסט האבן א משפחה זאלסטו קענען דעמאלטס זיין א ריכטיגער ללמד.

אבער אפי' יעצט אז דו ביסט אין ישיבה און מען רעדט אין לערנען מיט חברים דאס הייסט אויך ללמד, און אדרבה עס איז כדאי זיך מתרגל זיין צו קענען רעדען בד"ת מיט א בהירות מיט א הסברה ישרה, וואס דאס איז דער גאנצע שאיפות החיים צו קענען לעבען מיט א קלארקייט, נישט ווערן מיטגעשלעפט מיט דער שטורם פון דער וועלט 'רבי אלע', אלע טון, אלע זאגן, נאר קענען זיין א מבחין בין קודש לקודש וכ"ש לחול.

און בכלל איז עס א טעות אז מען מיינט אז ללמד מיינט נאר להעמיד תלמידים גדולי תורה, אדער אז עס מיינט נאר דעם שטיקל גמרא וואס מען לערנט היינט, נאר דער תפקיד פון ללמד אז די לימוד התורה זאל זיי ריינינגן און הייליגן, צו זיין ערליכע יודען מיט א שטאלצקייט און יודישקייט אז זיי זאלן קענען איבערגעבן דאס אידישקייט און די מצוות פון לימוד והתמדת התורה פאר די קומענדיגע דורות לעמו ישראל.

***

**יג] שאלה:** איך האב א חברותא שוין א גאנצע זמן א וואוילע בחור, אבער אלץ חברותא אין לערנען גייט עס נישט, און איך וויל טוישן בדרכי נועם, ווי אזוי טוט מען דאס אז יענער זאל נישט ווערן נפגע? און ווי אזוי איז מען בודק אויב א חברותא איז בנקיות לב צו נישט? און אויך וואלט איך געוואלט האבן אן הדרכה וויאזוי צו קענען איבער'חזר'ן דעם שיעור וואס דאס קומט מיר אן זייער שווער, וואס איך בין נישט מצליח צו קענען לערנען מיט א חברותא אין עיון, כאטשיג בשעת'ן שיעור פארשטיי איך און איך האב עס ארויפגעשריבען, אבער עס קומט למעשה צו חזרה איז עס נישט ותלמודו בידו?

הב' י.מ.ק קרית יואל

**תשובה: דו האסט צוזאם געווארפן פארשידענע שאלות, וואס יעדע שאלה איז א ענין לעצמו, אבער אזויווי די שאלות זענען נוגע פאר גאר אסאך בחורים, ע"כ איך דיין זכות וואס דו פרעגסט וועלן אנדערע אויך באקומען א תשובה מיט הדרכה בעז"ה. על ראשון ראשון.**

**וועגן חברותות**, איז טאקע כדאי ווען מען שטעלט צוזאם א חברותא, נעמט מען זיך גלייך אויס, אז אויב מען דארף מאיזה סיבה שהוא טוישן, איז עס נישט קיין פגיעה נאר אזויווי דער תפקיד פון א חברותא איז צו מרוויח זיין התמדת התורה להעמיד על האמת, דורך איש את רעהו יעזרו, דאן אויב מען קומט צו אן החלטה אז דער הפסד איז מער ווי דער ריוח און מען איז נישט מרויח ריכטיג פון לערנען צוזאמען, און עס קלאר אז אונז ביידע קענען שטייגען אויב יעדער טרעפט זיך דער ריכטיגע חברותא, וועט מען עס טוישן אי"ה.
און ווען עס קומט שוין צו א מצב פון טוישן, אבער אויב עס רעדט זיך פון א **ישבק"ט בחור** איז כדאי אדורך צו רעדן מיט א מגי"ש וואס קען דער זאך פון נאנט צו קענען באגלייטען דער זאך, **א ישיב"ג** בחור דארף זיך שוין אויסלערנען צו קענען שטיין אויף די אייגענע פיס איז דער בעסטער זאך אז מ'רעדט אפן מען שמועסט זיך אדורך מיט א אמת'דיגקייט, באופן נושא בעול עם חבירו, און מען איז מסביר מיט סבלנות: מיין טייערער פריינד! לאמיר זיך נישט נארן, אויב מיר וועלן ממשיך זיין וועט עס נישט ברענגען פאר אונז ביידע קיין תכלית, אויב אזוי לאמיר ביידע מתפלל זיין איינער פארן צווייטן אז מיר זאלן טרעפן דער ריכטיגער חבר צו קענען שטייגן, אבער חלילה נישט פוגע זיין בכבודו, אדער חס ושלום מצער זיין.
**און לגבי די שאלה ווי אזוי איז מען בחון אויב דער חברותא איז מיט א נקיות לב,** דער הבחנה איז פשוט: וואס איז די מטרת הוויכוח בשעת הלימוד, צי דער איך, צו זיין אלעמאל מיט דער לעצטער ווארט, אדער צו אנקומען צום אמת'דיגן פשט, וואס אמת איז נאר איינס, אע"פ בטבע דרך הלמוד איז דא א וויכוח זה בונה וזה סותר, אבער בסוף דארף זיין ווי חז"ל זאגן (קידושין כט) אינם זזים משם עד שנעשים אוהבים זה לזה, אז ביידע ווערן צוריק איינס, און נישט 'איך האב אויסגעפירט'.
**און לגבי די שאלה וועגן חזרת שיעור עיון** - איינע פון די סיבות פארוואס עס קומט אן שווער, און עס איז ממש נישט תלמודו בידו, ווייל ווען מען ענדיגט א שיעור מיינט מען אז די חזרה איז אויפן שיעור. וואס אין דעם ליגט כמה וכמה טעותים; ראשית כל עיון מיינט נישט פלפול של הבל וואס מען קוועטשט אבי אין דער וועלט אריין, נאר זיך אויסלערנען צו קענען קלאר אפלערנען א בלאט גפ"ת און ווי לאנג דער גפ"ת איז נישט קלאר איז נישט דא קיין בנין, וואס דאס איז דער עיקר הכנה צום שיעור אנקומען צום שיעור מיט א קלארקייט אין גפ"ת, צו האבן דער גאנצער ציור פון דער סוגיא ממש ווי אויסגעמאהלן פאר די אויגן, א חוץ דעם איז דא א טעות אז וויבאלד מען האט געמאכט א הכנה צום שיעור דורך די גמרא מיינט מען אז נאכ'ן שיעור רייסט מען זיך אוועק פון די גמרא, און מען חזר'ט דעם שיעור, [און סך הכל איז דער מגי"ש א מלקט פון ראשונים ביז אחרון שבאחרונים, און אויב ער איז ערליך זאגט ער כאטש נאך בשם אומרו], אבער דאס איז נישט אויסגעהאלטן, ווייל פאר מען גייט איבער'חזר'ן דעם שיעור, זאל מען צוריק גיין צום גמרא רש"י תוס', און גוט פארשטיין בפשטות, און נאך דעם נאכקוקן די מראי מקומות צו זעהן אויב עס שטומט דאס וואס דו האסט פריער געהערט לויט די סוגיא וואס דו האסט יעצט איבערגע'חזר'ט, ווייל סך הכל תוס' מיט מפרשים גייען ארויף אויף די גמרא, ע"כ קודם כל דארף זיין א קלארקייט אין גמ"ר כסדרן, און נאכדעם קען מען זעהן וויאזוי אנדערע לערנען אפ דעם סוגיא, און דעמאלטס וועט זיין סייעתא דשמיא ותלמידו בידו.

***

**יד] שאלה:** קודם ברכת יישר כח אויף דעם שיינעם גליון, ממש עס רירט אן נקודות וואס מען שעמט זיך צו רעדען, ממש אין לי די מילים והכרת הטוב וואס ממש דו האסט מיר געטוישט דער גאנצע בליק אין לעבן, און אלע מיינע שכנים אין ביהמ"ד ווארטען ארויס פאר דער גליון, איר האט אן עקסטרע סייעתא דשמיא צו די ריכטיגע מסילות בלבבות, און מלא חיזוק ע"פ דעת תוה"ק, אשריך ואשרי חלקיך.

וואלט איך געוואלט פרעגן אזוי, אין די לעצטע וואכן האט איר גערעדט אז די ריכטיגע עבודות ה' דארף נישט זיין מיט רגש, און אפי' אין די זמנים וואס דער רגש איז אויסגעלאשן זאל מען ארבעטן אן רגש, כאשר צוני הבורא, ווייל מיר זענען עבדי ה', און אן עבד דארף ארבעטן אויך אן רגש. - אפי' דער יסוד איז אמת, אבער נפשי בשאלתי עס שטייט פארט ולעבדו בכל לבבכם, הייסט עס אז עבודת ה' דארף מיט לב וואס דאס איז רגש, אויב אזוי ווי אזוי קומט מען צו צום רגש אז מען זאל קענען מקיים זיין דער צווי בכל עת ובכל זמן?

מ.ד.פ לונדון

**תשובה:** קודם כל א יישר כח פאר דער חיזוק, און עס זיכער אז נאר די זכות הרבים וואס ווערן נתחזק איז משפיע אויף מיר א עקסטערע סייעתא דשמיא צו קענען זיין משיב כהלכה, ויה"ר שלא אכשל בדברי מעתה ועד עולם.
שאלה טובה שָׁאַלְתָּ, און איך האב געהערט דעם שאלה גאר אסאך פון תלמידי ומבקשי ה', קודם כל דארף מען פארשטיין אז דער עיקר יסוד פון א איד איז עבודות ה', מיר זענען געווען עבדי פרעה און השי"ת האט אונז נישט געמאכט אויס עבד נאר אונז בוחר געווען צו זיין עבדי ה', אזוי ווי עס ווערט נתבאר בס' הישר לרבינו תם מבעלי תוס', און אזוי אויך בספרי חסידות (**בסה"ק מאור עינים**, כמ"פ, עי' פר' יתרו ד"ה הנה אנכי), אז בעצם השי"ת איז בתכלית השלימות אויב אזוי פארוואס האט ער באשפען דער וועלט, נאר ווייל מדרך הטוב איז להטיב, נישט ווייל עס פעלט אים אויס אונזער עבודות להשלים מלכותו, ווייל כביכול איז דער גרעסטער מאס שלימות, נאר ער וויל א וועלט וכל אשר עליה כדי צו קענען משפיע זיין מטובו הגדול, און כדי צו משפיע זיין דארף זיין א עם, און ווען דער עם אנערקענט אז ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד, ווערט א גילוי פונעם מלכות וואס דורך דעם איז השי"ת משפיע כרצונו להטיב.
קומט אויס אז אונזער עבודה איז עבודות, און דער יסוד פון אן עבד איז להתבטל להאדון, נאר וויבאלד ער האט אונז אריינגעלייגט אין א גוף, א נפש הבהמי וואס איז ארומגענומען טאקע מיט רצונות וואס דאס איז געפילן און הרגשים, אבער מצד שני בראתי יצה"ר בראתי תורה תבלין כנגדו, האט ער אונז געגעבן דעת ושכל ובינה מותר אדם מן הבהמה, און ווען דער שכל איז ארומגענומען מיט די תורה הק', איידעלט עס אויס די הרגשים אז עס זאל קענען זיין לעבדו בכל לבבכם.
לאמיר בס"ד דאס מסביר זיין, דער כח הרגש איז מסייע דער שכל ארויס צו ברענגען מכח אל הרצון, עס זענען דא אסאך זאכן וואס א מענטש פארשטייט די נחיצות דערפון, אבער ער וויל עס נישט טון, למשל ער פארשטייט אז דער צימער וואס איז שמוציג דארף ווערן גערייניגט, אבער ער נעמט נישט דער בעזעם אין האנט, פארוואס? ווייל ער וויל נישט; ער זאגט א תירוץ, אבער דער אמת'ער תירוץ איז 'ער וויל נישט', ווייל דער טבע איז, אז נאר א זאך וואס א מענטש איז **מרגיש** אז עס איז זיין אחריות און אז עס איז **פאר אים** וויכטיג, דאס וויל ער טון, ווייל **דער רגש** אז ער דארף עס, ארבעט גאר אסאך שנעלער פון זיין **שכל** אז ער ברויך.
א דוגמא דערצו, עס שטייט א צעטל אין ביהמ"ד וועגן ביקור חולים ביי איינעם, גאר ווייניג מענטשען מאכן זיך וואוסנדיג, אבער ווען ער זעהט א בילד ווי יענער איז מדוכא ביסורים דאס טוט גלייך אויפוועקען די הרגשים, און מען לייגט צו א קרעכץ אוי! ואבוי! נעבעך, און ער לויפט שוין מבקר חולה זיין.
מצד שני האט אויך רגש א חסרון, עס איז א זאך וואס שלאפט איין, עס קומט און גייט. איז וואס איז דער עצה בו בזמן וואס דער שכל ארבעט און דער רצון איז שוואך ווי אזוי קען מען מעורר זיין דער רגש לעבדות ה'? דורך תפלה, עבודה שבלב זו תפלה, [תורה לחוד ותפלה לחוד, תורה איז א לימוד לחדש ולפלפל להתייגע להבנת התורה, אבער תפלה איז אן עבודה לעורר הלב (**עי' בסה"ק מגן אברהם טריסק, בא**)] וואס דורך דעם קען מען מעורר זיין די הרגשים להשי"ת, נישט מחדש זיין דייקא, נאר להתפלל ג"פ ביום די זעלבע תפלה מיט דער זעלבער נוסח שתיקנו אנשי כנסת הגדולה, תפלה איז נישט קיין לימוד (אודאי מען דארף פארשטיין וואס מען זאגט אבער נישט בשעת'ן דאוונען צו לערנען פ' המלות) און

ווען א מענטש נעמט א סידור און ער זאגט אפ דער דאווענען הייסט עס נישטקיין תפלה כתיקנה, ווייל תפלה איז די מטרה לעורר הרגש, דריי מאל א טאג דאווענט מען דוקא, כדי צו מעורר זיין דעם קאלטן שכל צו נתרגש ווערן, תפלה איז אזוי ווי א טרענספארמעטאר וואס פון <u>איין זייט</u> איז דא <u>שכל</u> און עס קומט ארויס <u>הרגש</u> וחמימות.

און דאס איז דער ארבעט פון 'ולעבדו בכל לבבכם' צו ערוועקן דעם הארץ צו הרגש, וואס דאן איז די עבודה פיל מער חשוב און ריכטיג, (אבער דאס פטר'ט נישט פון טוהן די עבודה - און אפילו די תפילה - דעמאלטס ווען דער הרגש שלאפט), ווי דער מאור עינים שרייבט גאר שטארקע לשונות (ואתחנן) 'הנה העיקר העבודה היא בלב שלם, רחמנא לבא בעי, כי אף שעובד את השם בדבור ומחשבה, מכל מקום **אם הוא אינו בתנועת הלב דהיינו שיהיה הלב מתעורר לדבורו וירגיש בתוכיותיו שנתעורר הלב** - און ער ברענגט א משל - [כמו שאם היו דנין אתו על חיותו להורגו היו כל כחותיו ועיקר לבו מרגישין בהצער ואחר כך כשהיו נותנים לו חיותו ופוטרין אותו אזי מיד כשיבא לו הדבור מפי המבשרו בודאי ירגיש לבו בקרבו שנתעורר לשמחה ההיא בהתלהבות גדולה], **כן בוודאי כשמדבר הדבורים בתורה ובתפלה, אפילו אם המחשבה אינו נפרד מן הדבור, רק שהלב אינו מעורר בהרגש גדול, כאמור במשל, אזי האדם אינו דבוק באלהיו**, און וואס איז די עצה דערצו: [לפי מה שהוא אדם יצייר בדעתו ובמחשבתו הרגש לבו ושמחתו, ויש לך אדם שממונו חביב וכו' דהיינו אנו רואים אם יש לאדם איזה עסק סחורה שמעותיו בתוכו בודאי ישים כל לבו וכל כחותיו בו, ובפרט אם כל פרנסתו תלוי בזה, בודאי יתלהב לבו התלהבות גדול, כך בחשבו כי כל רגע ורגע נותנים לו חיותו מלמעלה, וכל פרנסתו הכל הוא מלמעלה, אזי ראוי שירגיש לבו לכל דבור ודבור וכל מעשה, כי הלב הוא המלך בתוך איבריו] **והוא עיקר העבודה לה' אשר לא יצוייר עבודה זולתו.**

אבער דאווענען און טוהן מצוות דארף אויך ווען מען איז נישט דערביי, אבער מען דארף צו דעם מעורר זיין דעם הרגש, וואס איז אן עבודה מיוחדת ווי דער מאור עינים פיהרט אויס: ובודאי לא יושג זה בנקל כי לכל דבר הטוב אי אפשר בלי טורח. און ווען דער שכל ווערט באגלייט מיט רגש, האט עס גאר א גרויסע כח צו ארויסברענגען דער ריכטיגער תורה'דיגע רצון אל הפועל. א נארמאלע מענטש ארבעט נישט נאר מיטן שכל, אוודאי עס זענען דא מענטשן מיט א שטארקערע כח השכל און עס איז דא מיט א שטארקערע כח ההרגש, אבער דער מענטש וואס האט נאר איינס באלאנגט אין א געזונט-היים, ווייל יעדע געזונטע מענטש האט ביידע.

ממילא איז עבודות ה' צו ארבעטן מיט כל חלקי הנפש און מען זאל נישט לעבען א צעריסענע לעבן, און אזוי ווי מיר האבן פריער דערמאנט הרגש איז אזוי ווי לופט, עס ווערט א רויך און עס גייט דערנאך אוועק, און ווי שטארקער דער פייער די עקסייטמענט איז, איז דא א שטארקערע רויך פון הרגשים, און די מטרה פון תפלה ג"פ ביום איז כסדר אויפוועקן די הרגשים צו עבודות ה', דאס איז פשט תפלה איז עבודה שבלב. משל למה הדבר דומה, א מענטש וויל עסן, נאר זיין האלז איז אויסגעטריקנט ער קען נישט אראפשלינגען, איז די עצה פשוטה מאך נאס דער מויל מיט משקה און נאכדעם שלינגט זיך אלס אראפ, אזוי אויך די התבוננות בתפלה לעורר הרגש איז אזוי דער וואסער וואס דאס דערהייבט דער מענטש אין זיין חיי יום יום, און דער חוש איז מעיד ע"ז אז ווען מען דאווענט א גוטע דאווענען גייען די פאר שעה דערנאך אנדערש, ביז די קומענדיגע תפלה.

ע"כ דאס איז דער ענין, ווען א מענטש געדענקט אז אחרי ככלות הכל איז ער אן עבד, דאס לאזט נישט זיינע פאלשע הרגשים אים פארפירן לאסור את המותר אדער להתיר את האסור, אבער ווען ער וועט מעורר זיין די ריכטיגע הרגשים בשעת העבודות ה' דעמאלטס וועט דאס אויפלעבן דער שכל צו קענען טראכטן מיט א ישרות, אפי' ווען ער איז אין א פארנעפעלטע זמן, הצלחה מרובה.

**למעשה:** עס איז קלאר אז עבודת השם איז א חיוב אויך ווען מען האט נישט קיין שום הרגש, און די מצוה פון ולעבדו בכל לבבכם איז צו מעורר זיין די הרגשים אז זיי זאל ווערן גענוצט ריכטיג, און דאס איז די עבודה בשעת התפלה צו מעורר זיין די הרגשים ווי דער פנים יפות ערקלערט אז אינזין האבן פירוש המלות, איז בלויז געלערנט דער סידור, און עבודה שבלב מיינט מיט געפיל.

***

## <u>תהי' מתמיד, תהי' גאון, אבל אל תהי' בן אדם</u>

....והנה בתורה כולה לא מציאנו שיפרסמו גאונות של א"א ע"ה, והתמדת יצחק אבינו ע"ה, וכן עבודת של יעקאע"ה, וגם של משה רעיא מהימנא לא מצינו שיפרסמו למדנתו, רק הדגישה התורה שא"א היה בעל מדות נפלא, והי' ממתין ומצפה לאורחים ביום השלישי בהיותו כואב וחולה מהמילה, ועל משה רבינו שהי' עניו מכל אדם וכדו'.

דבר נורא מצינו באליעזר עבד אברהם שהלך לחפש אשה לבן אדונו ולבסוף ראה רבקה באה ורץ לקראתה מפרש רש"י לפי שראה שעלו המים לקראתה, ונשאל השאלה: אם היתה רבקה צדקת כזו שהמים עולים לקראתה למה נצרך עוד אליעזר להמשיך ולבדוק אותה א"ת לו שתה אדוני וגם לגמליך אשאב.

אלא מוכח מכאן שאף שיתכן נסים מדרגות עדיין אין זה מספיק בירור עליה, עדיין צריך לבדוק במידותיה לראות אם הוא גומלת חסד אז היא ראויה ליצחק, שדברים אלו הינם דברים העומדים ברומו של עולם ובנ"א מזלזלים בהם כדאי' **בסה"ק נוצר חסד** (אבות ג' יז) יש דרך ארץ פלשתים לצני הדור שגם להם יש מדות אנושית וגו' והוא מקור השקר לבטל התורה וגו' כי עיקר תיקון המדות הוא הכנעה וביטול ואהבת כל ישראל בלו"נ עבל"ק.

וכמה צער יש כי העולם דש בעקביו ביסודות הדת ואינם עמלים בתיקון המדות, כולם רצים אחרי ידיעות התורה ולימוד, אבל מתגאים ומבזים ופוגעים אדם ברגשותיו של חבירו ומדברים רכולות ולשון הרע ומוצאים שם רע, ואינם יודעים כי ע"ז מאבדים כל הטובה שרכשו.

וכדי להזכיר מה גילה לנו **הגה"ק האדמו"ר הפני מנחם מגור זצוק"ל** למה סובלים כ"כ מאחבנ"י במחלה הידועה רח"ל ילדים, צעירים, וזקנים, ה' ישמור ויציל, שהסביר שכידוע שכל מחלה גשמי נובע ממחלה ומדה רוחני שאינם מתנהגים כדבעי בין אחבנ"י - ומחלה זו הוא חיידק רע בלתי מפרגן ונכנס לאיש בריא בשלמות ואוכל אותו חי רח"ל בלי שום טעם וסיבה, וזו נובע שהיום סובלים מאוד על מדת עין רע אנשים אינם פארגינע"ן אחד לשני, מפארגונט אפי' נישט א אמת גיט ווארט פאר א צווייטען, וזה מעורר ח"ו המחלה הזו בעוה"ר, ואמר הרה"ק הנ"ל **בשוח אני שיתחזקו במדת עין טובה און צו פארגינע"ן אחד את השני הוא יבורך בכל מילי דמיטב, ויהי"ר ע"י ה'עין טובה על אחבנ"י, יתברכו וישפיעו שפע ברכה והצלחה על כל ישראל בכלל, ועל אלו המצפים לישועה בפרט, והמברך מתברך.**

וכבר יעצתי לכם שתתחברו בחברים מיושבים ומיושרים בישרות התורה, ויש להם עכ"פ מעט השנה בעבודה ובמדות, גם אם אינו כ"כ בעל כשרון כמוך אינו מזיק, **שאי' מרח"ו בשעה"ק** (ח"א שע"ב) שיש להזהר בהמדות יותר מהמצות כי הם שורש כל המצות, וכל השגות תלויים בהם עכ"ד, א"כ כל עוד שהמדות מקולקלות שום השגה בעבודה אינו על מכונו, וזהוא המאחד את יראי ה' איש אל רעהו, בזמן כשהמדות יהיו נבונים ומיושבים, כי האדם נמשך אחרי פעולותיו, כמ"ש בס' החינוך בכ"מ, לכן תיקנו המדות שהמה המדריכים והמחנכים את האדם להגיע ע"י הקו הישר כתחילתו, שהאלוקים עשה את האדם ישר.

**דעו לכם!** שהימי הבחרות הם שנים הכי טובים לתקן ולשעבד מדותיו, בעוד שלבו רך כקנה וללמוד ספרי מוסר כגון אורחות צדיקים, שערי תשובה לרבינו יונה, שערי קדושה, כה"פ ½ שעה א טאג, ולחפש הסביבה טובה, שאיש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמרו חזק....

(מתוך הכרכים החדשים בשלבי עריכה – מאמרים ומכתבים בנתיבות החיים - מאנטריאל תשס"ו)

די זומער טעג טוט מען גישמאק ארום שפרונגען, אבער אויך פויגלען טוען אין גארטן שיין זונגען, און ווייסט איר וואס זיי טוען אייך זאגען?

**טייערע יודען** ! טוט נישט די צייט פארברענגען און פאריאגן, יונגע יארן פליען אוועק ווי די ווינט, און די אלטער יארן קומען געשווינד,

**געדענק!** דאס לעבען איז אט די שעה "אצינד",

**מענטשעלע, מענטשעלע** ! נעם גיט אין באטראכט,

און מיט דיין פארשטאנד לייג אין אכט! -א קלוגער קינד באגניגנט זיך מיט ברויט מיט פיטער, אבער א שלעכט קינד עסט דערפאר אויף דאס הארטץ פון מיטער!

-לויף נישט שנעל ווי דו גייסט!

-דערצייל נישט אלץ וואס דו ווייסט!

-אויב מען דענקט אז מען איז אנגעקומען, אז די האט נאך נישט אנגעהויבן, איז עס א סימן!

-שכל קען מען נישט קויפען! צוריק דרייען צייט קען מען בשום אופן!

-טו כסדר העלפן א צווייטן' ווייז אים אן הארץ א ברייטן, דיין האנט האלט אפען צום געבען, העלפ אים באלד כדי ער זאל זיך נישט פארשעמען!

- זיי נישט בועט אין דיינע וואויל טיער, אפילו ווען עס דאכט זיך דיר אז ער איז נישט ווי פריער!

בהנהלת הרב
יעקב יוסף ווייס
שליט"א
מאנסי, ניו יארק
בעמח"ס
בנתיבות החיים
פרקי הדרכה לחיי נועם שלוה

מבין ומאזין
בס"ד
סעד ועזר
אורה והדרכה
ילד בחור אברך

יעוץ והדרכה
בהמלצת גדולי ישראל
ומחנכים בארץ ובחו"ל

STRICTLY CONFIDENTIAL!

שע"י מרכז עזר 'נתיבות החיים' - מאנסי יע"א

אויב איר האט שוועריגקייטן אין פריוואטן לעבן / ענייני חינוך / חיי הנפש / א.ד.ג.
און איר ווילט באקומען פערזענליכע הילף ע"פ תורה קענט איר באשטעלן ביי אונז אן אויפנאמע

Tel: 845.384.2779 • Fax: 845.425.2218